STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08281

TSELAKHES DI TRERN

Sem Liptsin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סעם ליפּצין

(קוועקזילבער)

צעלאַכעס די טרערן

אינהאַלט:

טאַנקען (איינאַקטער) — — — — — — — — — — 3
די פּאַן אויף מיין גאַס (בילד) — — — — — — — — — 16
„פּרייוועט” מיכל (מאָנאָלאָג) — — — — — — — — — 19
„סקרעפּ” (אַ מאָנאָלאָג פון אַ פּרוי) — — — — — — — 23
אויף אַ רעגנדיקן טאָג (פענשטיפעריי) — — — — — — — 26
מילכאָמע האָט שאָלעם געמאַכט (פענשטיפעריי) — — — — 29
דער וואָס לאַכט דער לעצטער (אַ קינדער־מייסעלע) — — — 32
אַנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט (מאָנאָלאָג) — — — — — — 35
געוואַלד, מיינע קאַרטלעך! (מאָנאָלאָג) — — — — — — 38
אָן פּלייש (אַ מאָנאָלאָג פון אַ פּרוי) — — — — — — — — 41
דער 1־טער מאַי וועט קומען! (דערציילונג) — — — — — — 44
ליודמילאַ, דאַוואַי רוטשקו! — — — — — — — — 47

פאַרלאַג „אַמכאַ” ניו־יאָרק, 1943

ביכער און ביכלעך פון סעם ליפּצין (קוועקזילבער):

איך לאַך פון דער וועלט
מיט געזאַנג אין קאַמף
אַף לייטיש געלעכטער
געקעמפט און געלאַכט
לעבעדיק און לוסטיק
פאַר רויטע אָוונטן
רויטע פעפערלעך

אַ גוט־יאָנטעוו
לאָמיר זינגען
ניט געדאַיגעט
קאַמפלוסטיק
אַ פריילאַכס
גוט־מאָרגן
קריג און זיג

"Tzelaches Di Trern"

by Sam Liptzin (Queckzilber)

Copyright, 1943

NEW YORK, N. Y.

369

Printed in U. S. A.

דראַמקרייזן און פּראָפעסיאָנעלע פאַרלייענער, זיינען געבעטן צו מעלדן
דעם מעכאַבער אין וועלכע מאָנאָלאָגן אָדער איינאַקטערס
זיי טרעטן אַרויס.

אַדרעסירט: סעם ליפּצין, 35 איסט 12־טע גאַס, ניו־יאָרק.

טאַנקעו

(דראַמאַטישע סצענע אַפֿן סאָוועטישן פראָנט) *)

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

ליאָווא }
לייב ראָסין } יונגע אידישע סאָלדאָטן

זאשא }
מאַניא } צוויי קראַנקן־שוועסטער

דאָקטאָר מיכאיל — אַרמיי־דאָקטאָר

געהילף־דאָקטוירים, טוער פונעם רויטן קרייץ, זינגער, פאַרוואונדעטע סאָלדאָטן.

(די סצענע קומט פאָר אין אַ שפּיטאָל פון אַ קליין שטעטל אַפֿן סאָוועטישן פראָנט. אין צימער זעט זיך אָן אַרמיי־בעטל, עטלעכע שטולן אַרום אַ טיש, אַפֿן טיש שטייט אַ קעסטל מיט מעדיקאַמענטן. אין דער מיט אַ לאַנגער טיש איבערגעצויגן מיט אַ ווייסן ליילעך. ל י י ב ר אָ ס י ן זיצט ביים טיש, מיט דער רעכטער האַנט נאָ־קעט אויסגעשטרעקט, זיין מונדיר פאַרוואָרפן אויף דעם לינקן אַקסל. זאַשאַ די קראַנקן־שוועסטער האַלט אַ שיסל מיט וואַסער און וואַשט אים מיט אַ טיכל די וואונד.

ביים פענצטער זיצט ל י אָ ו ו אַ מיט אַ שפּיל־אינסטרו־מענט אין האַנט און זינגט דאָס ליד):

דער סאָלדאַט און די קראַנקן־שוועסטער

(אויף דער מעלאָדיע: „אָד די דאָליע")

גיב דיין האַנט מיר, בראַווע מיידל,
וואַרף אַ פונק פון אויג צו מיר;
ענטפערן וועל איך מיט פלאַמען,
ווייל עס ציט מיין האַרץ צו דיר.

דיינע אויגן ברענען מונטער,
פול מיט פייער איז דיין בליק.
לאָמיר אויסקעמפן אַ לעבן,
וואָס זאָל פול זיין נאָר מיט גליק.

קום, אינאיינעם לאָמיר קעמפן!
שליסן ביידע דאַ אַ בונד:
אויב דעם סוינעם קויל וועט טרעפן,
וועסטו היילן אונדזער וואונד.

סעם ליפּצין

לאָמיר ביידע גיין צוזאַמען,
זייט ביי זייט, אין איין ריי;
פאַר יעדער קויל — אַ קוש וועסט געבן,
איך וועל שיסן — איינס און צוויי.

איך טראָג ביקס, און דו — באַנדאַזשן,
סיי אין היץ און סיי אין קעלט;
מיינע קוילן — דיינע קושן,
וועלן ברענגען אַ פרייע וועלט!

(אין פאַרלויף פון זינגען וואַרפט זאַשאַ צו ליאָוואַן ליבעס־בליקן. ווען ער נעמט אַ הויכן טאָן, עפנט זיך די טיר פונעם צווייטן צימער און מ אַ נ י אַ, די צווייטע קראַנקן־שוועסטער, שטעקט אַריין דעם קאָפּ און ווייזט אָן מיט דער האַנט עטלעכע מאָל, ווידער־האָלנדיק: „אַביסעלע שטילער, שטילער, די קראַנקע שלאָפן". ליאָוואַ סטראַיעט אָן דעם אינסטרומענט)

זאַשאַ (גיט לייב ראָסינען אַ דריק די וואונד) — טוט שטאַרק וויי, כאַווער ראָסין?

לייב ראָסין (פאַרשטשעמעט די ציין פון ווייטיק) — אַט אַזוי איז דאָס לעבן, געזאַנג און קרעכצן אין דער אייגענער צייט. גאָר ניט געזאָרגט שוועסטערל פאַר מיינע וואונדן.

זאַשאַ (פאַרבייסט די ליפּן) — פונדעסטוועגן וויל איך אייך זאָגן, כאַווער לייב ראָסין, איר האָט געשפּילט גליק. נאָך אַ האָר און איר וואָלט די האַנט פאַרלאָרן.

לייב ראָסין (מיט ווייטיק) — די האַנט, דעם קאָפּ, ווער קען פון דעם טראַכטן, ווען עס בלוטיקט דאָס האַרץ פון מיין לאַנד. אַזויפיל מי, אַזויפיל אַרבעט. (ער כאַפּט זיך מיט דער לינקער האַנט ביים קאָפּ).

ליאָוואַ (שפּרינגט צו שטיפעריש צום שטול און ווענדט זיך צו לייבן) — דערצייל, לייבל, דערצייל אונדזער קראַנקן־שוועסטער ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט, זאָל זאַשאַ אויך לאַכן.

לייב ראָסין (גיט אַ מאַך מיט דער לינקער האַנט) — נו, זי מוז ניט הערן אַלע בלוטיקע געשיכטעס פון די מיליאָנען וואונדן.

זאַשאַ (גלעט לייבן מיט ליבשאַפט איבערן פּאָנים און קוקט נייגעריק ער זאָל דערציילן) — דערצייל, כאַווער, דערצייל, עס איז שוין גאָר וויכטיק צו וויסן די אַלע איינצלהייטן.

לייב ראָסין — וואָס איז דען פאַראַן צו דערציילן?

ליאָוואַ (שפּאַסט) — זיי ניט קאַרג אויף אַ וואָרט, כאַווער לייבל.

לייב ראָסין (רואיקער) — עס איז אַזוי געווען: מיר זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך, נאָר מיט אַ מאָל באַמערק איך ווי אַ שאָטן לויפט איבער די מיט-זון-באַשטראַלטע צווייגן. ליאָווא, זאָג איך, זעז יאָ, זאָגט ער, איך זע, זיי גרייט! מיר גיבן זיך אַ לאָז צום שאָטן און — מיר דערזעען פאַר זיך אַ ניט־אונדזעריקן, אַ סוינע, אָנגעטאָן אין פויערישע קליידער. איך גיב אים אַ פרעג: ווער ביזטו? און עס קריכט אַרויס פון אים — אַ דייטש. ער מאַכט זיך גלייך אומשולדיק און זאָגט אונדז אַזוי: ברידערלעך, גלויבט מיר יאָ, צי גלויבט מיר ניט, איך בין דאָ געקומען אינעם שטעטל איינהאַנדלען אַ פוטערנעם מאַנטל פאַר מיין ווייב.

זאָשא (צעלאַכט זיך) — וואָס?

ליאָווא און לייבל (ביידע צוזאַמען) — אַ פוטערנעם מאַנטל פאַר דער ווייב. (אַלע דריי צעלאַכן זיך).

מאַניא (שטעקט אַריין דעם קאָפּ דורכן טיר) — אַ ביסעלע שטילער, שטילער, די קראַנקע שלאָפן.

לייב ראָסין — יאָ, זאָגט ליאָווא, וואָס פאַר אַ מאַנטל וויל דיין ווייב? אַ טכוירן־פעל וועט איר געפעלן? זאָגט ער, נו יאָ, זאָל זיין אַ טכוירן־פעל. זאָגט ליאָווא: נו גוט, שטעל אָפּ דיין אַדרעס, וועלן מיר גלייך צושיקן פאַר דיין ווייב — דיין טכוירן־פעל! . . . (אַלע צעלאַכן זיך).

מאַניא (שטעלט ווידער אַריין דעם קאָפּ) — שטילער, כאַווייערימלעך, אַביסעלע שטילער.

זאָשא (נייגעריג, ווייזט אָן אויף דיין האַנט) — טאָ ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט?

לייב ראָסין — ערשט דאַן ווען מיר האָבן אים פּרובירט אָנטוואָפּענען, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַ מעסער און — — —

זאָשא (ציטערט אויף) — און וואו איז ער?

ליאָווא (לאַכט האַרציק) — ער וועט שוין מער ניט זינגען און ניט קרעכצן, מיר האָבן שוין פאַר זיין ווייב אַ פוטערנעם מאַנטל פון טכוירן-פעל! . . .

זאָשא (בינדט לייבן די האַנט) — טוט וויי?

לייב ראָסין — דער טייוול וועט דאָס ניט בעמען.

זאָשא (הענגט לייבלען אויף די האַנט אויף אַ באַנדאַזש־פּעטליע) — נו, זאָגט מיר איצט, כאַוויירימלעך (ווענדט זיך צוביידן) וואָס

הערט זיך עפּעס נייעס אפן פראָנט? גיטאָ קיין צייט אַפילע אַריינצו־קוקן אין אַ גאַזעט.

ליאָווא (מונטער) — שוועסטערל, מיט אונדזער קויעך, אונדזער באַוואוסטזיין, און אונדזער פּאַטריאָטיש פאָלק, קאָן מען ניט פאַרלירן. מיר וועלן די פינצטערע טרויקע: די נאַצים, פאַשיסטן און אַנטיסעמיטן, סאַף־קאַל־סאַף אַפּווישן פון דער ערד. מיר וועלן זיי שיקן צום צאַר באַטיושקע אויף דאַטשע . . . (צעלאַכט זיך).

לייב ראָסין (באַזאָרגט) — יאָ, ריכטיק, אָבער יעדער טראָפּן בלוט איז בלוט. וואָלט די נויטיקע הילף געקומען אין צייט, וואָלטן מיר קאָנען שפּאָרן אַ סאַך לעבנס. אַ באַריקאַדע איז אַלעמאָל בעסער פון זעקלעך זאַמד און שטיינער, ווי פון מענטשלעכע פּלייצעס...

ליאָווא (מיט זיכערקייט) — יאָ, ס'איז עמעס, אַז קעגן די דייטשע בעסטיעס קאָן מען ניט קעמפן מיט די מאַקעס פון דער האַגאַדע, מ'דאַרף פאַר זיי קניידלעך און די ריכטיקע — פון בליי מיט פולווער . . . איך בין אָבער זיכער, כאָווער לייבל, אַז די וועלט ווייס דאָס, און אונדזערע פאַרבינדעטע וויסן, אַז מיר שלאָגן זיך איצט פאַר אַלעמען.

לייב ראָסין (בייז) וואו זיינען די אידן? אונדזער פאָלק האָט געדאַרפט זיין פון די ערשטע צו העלפן. רוסלאַנד איז געוועזן דאָס וויגעלע פון פּאָגראָמען. היינט איז רוסלאַנד, דאָס וויגעלע פון קולטור און גלייכהייט פאַר אַלע פעלקער. מ'לאַכט ניט מער פון דער אידישער באָרד און נאָז. מיט דער באָרד און נאָז האָט דאָך דער איד איצט געקראָגן אַ ניי פּאָנים. וואָס שוויגן די אידן פון דער וועלט? וואו איז אונדזער רוף צו די אידן פון דער וועלט פאַר פעלד־שפּיטאָלן, מעדיקאַמענטן, טאַנקען און עראָפּלאַנען?

זאָשאַ (נייגעריק) — וואָס איז טאָקע דער ענטפער פון די אידן? שיקן זיי טאַנקען, עראָפּלאַנען?

ליאָווא — פאַרשטיי — — —

לייב ראָסין (שלאָגט אים איבער, גיט אַ מאַך אַוועק מיט דער לינקער האַנט) — אַך, איך גלויב ניט אין שיינע רייד, איך גלויב אין מאַיסים, מאַיסים, עס איז פאַר זיי ווי פאַר אונדז; אויף וואָס וואַרטן זיי?

ליאָווא (מיט אַ גאַר שטאַרקע זיכערקייט) — איך בין זיכער, אַז עס וועלן קומען טאַנקען און עראָפּלאַנען, דאָס אידיש פאָלק וועט בע־

מען נעקאָמע פון היטלערן פאַר די ליידן וואָס מיר אידן זיינען אויס־געשטאַנען פון די אַלע האַמאַנס ביז איצטער. עס וועלן קומען טאַנ־קען, טאַנקען מיט נעמען פון אונדזערע אידישע העלדן, אידישע פירער און מיט זיי — זייער באַגייסטערונג. דער פּאַטריאָטישער געפיל פאַר אונדזער לאַנד וועט שלאָגן דעם סוינע! טאַנקען וועלן מוזן נעמען שטראַמען. עס וועט קומען אַ באַר־קאָכבאַ־טאַנק, אַ יעהודי האַמאַקאַבי טאַנק, טאַנקען אויף די נעמען פון יהודי האַלייוי, רעאוואון בריינין, כאים סאַלאָמאָן, מענדעלע מויכער־ספאָרים, שאָלעם־אַלייכעם, י. ל. פּערעץ, הירש לעקערט, מאָריס ווינטשעווסקי, מ. אַלגין, עמאַ לאַזאַרוס, יאַנקעוו שייפער; זיי וועלן קומען, זיי מוזן קומען!

לייב ראָסין (מיט קאַאָס) — איך גלויב ניט אין מיין באַבעס מיטלען, ווען דעם זיידן האָט געריסן אַ צאָן פלעגט זי נעמען אַביסל זאַלץ און זיך אַרומדרייען (ער ווייזט מיט דער לינקער האַנט און נעמט אַרומלויפן, נאָכמאַכנדיק דער באָבע) דריי וויבער זיצן אויף איין שטיין, איינע זאָגט דו האָסט אַן איען־האָרע, די צווייטע זאָגט ניין, די דריטע זאָגט — — —

(די רייד ווערן איבערגעריסן דורך אַ סירענע־רוף. אַלע שטעלן־אַן מויל און אויערן. עס נעמען הודזשען און קראַכן קאַנאָנען, עס באַ־ווייזן זיך בליצן, באַמבעס רייסן אויף).

ליאָווא (גיט אַ כאַפּ אַרויף זיין היטל)—איך גיי! (לויפט אַרויס)

לייב ראָסין (פּאַרקנעפּלט דעם מונדיר איבער דער רעכטער האַנט) — איך גיי אויך, איך מוז גיין!

זאָשא (צעשראָקן) — וואָס רעדט איר? איר בלייבט דאָ, איר קאָנט איצט מיט גאָרניט באַהילפיק זיין, איר בלייבט דאָ!

לייב ראָסין (לאָזט זיך צום טיר) — איין האַנט איז אויך אַ האַנט.

זאָשא (פּרובירט אים פּאַרהאַלטן) — איך בעט אייך — — —

לייב ראָסין (רייסט זיך אַרויס) — אַזוי לאַנג ווי איך האָב נאָך איין האַנט, ווי איך וועל האָבן איין פינגער, איין טראָפּן בלוט, וועט דאָס זיין פּאַר מיין לאַנד. איך וועל אַפּילע לעבן טויטערהייט, אויב מיין לאַנד וועט לעבן. איך בין שולדיק אַ כויוו די דייטשן פּאַר מיין לאַנד; איך וועל זיי באַצאָלן! (ער באַטאַפּט מיט דער לינקער האַנט, צי ער האָט דעם נאָגאַן און לאָזט זיך אַרויס. זאָשאַ כאַפּט זיך פּאַרן קאָפּ).

מאַניא (שטעקט אַריין צעשראָקן דעם קאָפּ און ווייזט מיטן האַנט) — **שטילער, שאַ!** (ווייזט צום פענצטער) **לאָז אַרונטער די פאַרהאַנגען, גרייט צו באַנדאַזשן.**

זאָשא (לאָזט אַראָפּ דעם פאַרהאַנג, לייגט אַרויס פון אַ קעסטל באַנדאַזשן, עפנט די טיר ביי מאַניאַן) — **וואו קאָן זיין דאָקטאָר מיכאַיל?** (קאָנאָנען־קראַכן ווידערהאַלן זיך).

מאַניא (קומט אַריין נעמען נאָך באַנדאַזשן) — **דאָקטאָר מיכאַיל איז אַלע מאָל פאַראַן אָפּן פּלאַץ. ער וועט זיין.**

(עס דערהערן זיך פּייפן פון באַרואיקונג. **דאָקטאָר מיכאַיל לויפט אַריין צעטראָגן, וואַרפט אַראָפּ זיין ראָק און טוט אָן אַ ווייסן כאַלאַט. עטלעכע רויט-אַרמייער און רויטע־קרייץ מיטגלידער טראָגן אַריין אויף אַ טראָג־בעטל אַ פאַרוואונדעטן. דער דאָקטאָר ווייזט־אָן אַז מ'זאָל אים אַריינטראָגן אין צווייטן צימער, צו מאַניאַן. זיי גייען אַרויס און ברענגען אַ צווייטן פאַרוואונדעטן).**

דאָקטאָר (גיט אַ עפן די טיר צו מאַניאַס צימער) — **טו זיי אויס, וואַש אַרום די וואונדן. איך קום גלייך אַריין.** (ער זוכט מאַכ־שירים אינעם קעסטל פון מעדיקאַמענטן).

זאָשא (פּרובירט אים אַרויסהעלפן) — **איז געווען אַ גרויסער אַנפאַל?**

דאָקטאָר (נערוועז) — **גרויס, קליין — גענוג וואונדן.**

(די טיר עפנט זיך, **ליאָווא טראָגט אַריין לייב ראָסינען אויף דער פּלייצע, מיט אַ פאַרבלוטיקטן פּנים.**)

ליאָווא (אויפגעבראַכט) — **מיין גאָט, מיט אַ פאַרוואונדעטער האַנט איז ער געגאַנגען זיך שלאָגן. כאַפּט אַ נאַגאַן אין דער לינקער האַנט און שיסט. ער האָט אָוועקגעלייגט אַ פּאָר פון זייערע, אָבער איך דענק אַז זיין שאַרבן איז צעשאָסן.**

(**דאָקטאָר ווייזט־אָן צום לאַנגן טיש, העלפט אים אַרויפלייגן. זאָשאַ זוכט אַרום די וואונדן אויף לייבס קערפּער).**

לייב ראָסין (קרעכצט שווער און רעדט ווי צו זיך) — **ווען מיר האָבן גענוג טאַנקען, טאַנקען — — —**

(**דער דאָקטאָר לויפט אַריין אין צווייטן צימער און קומט גלייך אַריין צוריק. גיט אַ וואונק צו ליאָוואַן ער זאָל אַרויסגיין. ליאָוואַ פאַרשטשעמעט די ציין, ווישט זיך אויס אַ טרער און גייט שטיל אַרויס).**

דאָקטאָר (צו זאַשאַן) — **דערלאַנג מיר דאָס שערל.** (ווייזט איר צום לאָמפּ) **צינד אָן דעם לאָמפּ.**

(זאַשאַ צינדט אָן דעם לאָמפּ. דער דאָקטאָר אַרבעט מיט פאַר־שיידענע אינסטרומענטן איבער לייבן. זאַשאַ לייכט אים צו און העלפט אים אַרויס).

לייב ראָסין (קרעכצט) — **אַי טאַנקען, טאַנקען.**

דאָקטאָר (צו זאַשאַן) **גיב אַביסל וואַסער.**

זאַשאַ (דערלאַנגט אַ טעפל מיט וואַסער און באַנעצט לייבס ליפּן, רעדט צו אים) — **נעם אַ טראָפּן.**

זאַשאַ (פרעגט שטיל דעם דאָקטאָר) — **איז פאַראַן אַ האָפענונג? איז דער שאַרבן געשפּאָלטן?**

דאָקטאָר (גלעט לייבן) — **ער וועט לעבן, ער האָט געקראָגן אַ שטאַרקן קלאַפּ.** (רעדט ווי צו זיך) **אַן איינפאַל פון אַ מענטשן, די רעכטע האַנט אויף דער באַנדאַזש־פּעטליע און מיט דער לינקער שיסט ער. אַ בראַוווער העלד, אַ בראַוווער!**

(זאַשאַ ווישט אַרום לייב ראָסינ׳ס פּאָנים, דעקט אים איין. דער דאָקטאָר נעמט צוזאַמען די אינסטרומענטן און גייט אַריין אין צווייטן צימער. לייב וואַרפט זיך און רעדט אומפאַרשטענדלעך פון היץ. פון צייט־צו־צייט שרייט ער: טאַנקען, טאַנקען, טאַנקען. זאַשאַ גלעט אים דעם שטערן. באַרואיקט אים.)

זאַשאַ (פאַרווּכערט אַ פּאַפּיראָס. רעדט צו זיך) — **אַזוי שטיל און שיין געווען, עס האָט זיך געבויט אַ ניי לעבן. פאַרשאָלטן זאָלט איר זיין, פינצטערע דייטשן.**

(זאַשאַ ווישט זיך אויס אַ טרער, מאַכט טונקעלער דעם לאָמפּ און זעצט זיך לעבן פענצטער קוקנדיק דורך די שפּאַרונעס צום דרויסן.)

לייב ראָסין (צעלאַכט זיך אין שלאָף, ווערט היסטעריש, פייפט, שרייט) — **טאַנקען, טאַנקען, איינס, צוויי, דריי, זיי גייען, זיי גייען.**

(אין שאָטן־ליכט, ווי דורך אַ פאָרהאַנג, באַווייזט זיך דאָס אָנקו־מען פון טאַנקען. דער טאַנקען־געליאַרעם ווערט שטאַרקער. עס באַווייזן זיך טאַנקען מיט אויפשריפטן — נעמען פון אידישע העלדן, פירער, געלערנטע: באַר־קאָכבאַ, יעהודי האַמאַקאַבי, יעהודי האַליווי, כאַים סאָלאָמאָן, מענדעלע מויכער ספאָרים, י. ל. פערעץ, שאָלעם־אַליכעם, רעאָואוון בריינין, הירש לעקערט, מאָריס ווינטשעווסקי,

מ. אַלגין, עמאַ לאַזאַרוס, יאַנקעוו שייפער.)

לייב ראָסין (מיט אַ ציטערדיקער שטימע) — **באַר־קאָכבאַ?!**

באַר־קאָכבאַ־טאַנק (רעדט מיט אַ מוירעדיקער שטימע) —

„פאַר אָפּנעמען ביים פאָלק זיין ערד,
פאַר אָפּרויבן ביים פאָלק זיין ווערט,
פאַר שטאָט און דאָרף, וואָס ווערט צעשטערט, —
פאַר אַלץ באַשטראָפן דאַרף די שווערד".

„ברידער מיינע! כ'קוק אויף אייך:
עפּשער זיינען מיר אין צאָל ניט גלייך
צום פיינט, מיר האָבן ווייניקער געווער, —
נאָר מיט מיין קאָפּ און רעכטער האַנט איך שווער,
און לאָמיר אַלע שווערן אין איין שטים:
מיט זיין געווער מיר וועלן שלאָגן אים!"

„איך שווער ביים נאָמען שימען באַר־גוריאַ!
איך שווער ביי אַלע העלדישע באַליבטע נעמען,
פאַר אייך, פאַר אונדז — פאַר אַלעמען געקאָמע נעמען!"

(גייט אָפּ מיט גערודיש)

יעהודי האַמאַקאַבי־טאַנק (מיט געזאַנג) —

„געגונג, געגונג, מיין פאָלק געקלאָגט!
אויס! אויס מיט זיפץ, מיט טרער!
און זאָל ס'געוויין זיך ניט הערן מער!
עס טאָגט דער טאָג פון לעצטן קאַמף,
און ווער ס'איז גרייט מיט בלוט און לייב
אין שלאַכט אַנטקעגן גיין דעם טויט,
נאָר דער איז ווערט צו לעבן פריי —
פריי פון סוינעס טיראַניי!

שטיי אויף מיין פאָלק צום בראַוון ווידערשטאַנד!
פאַרניכט דעם פיינט מיט פעסטער האַנט!
געשלאָגן האָט די שאָ — די שאָ פון מאַכט און מוט —
אַ פייער־פלאַם איז אונדזער בלוט!
וואָס איז לעבן אָן פרייהייט, אָן גלייכהייט, אָן רעכט?
איז בעסער דער טויט אין גערעכטיקייטס שלאַכט!

און פאַלסטו פאַר פרייהייט, פאַר גלייכהייט, פאַר רעכט,
וועט קלינגען אויף אייביק דיין רומפולע מאַכט!
איז שטיי אויף, מיין פאָלק, צום בראַוון ווידערשטאַנד!
פאַרניכט דעם פיינט מיט פעסטער האַנט!"

(גייט אָפּ מיט אַ געליאַרעם)

צעלאכעס די טרערן

יעהודי האלייווי־טאנק (דעקלאַמירט) —

„כוואליעס יאגן, כוואליעס שלאגן,
ברויזן, רוישן אין דעם מער.
ס'זידט דאס וואסער ראש און ראשער,
מישט זיך, גיסט זיך טריב און שווער.
טעהוימעז קראכן, שטראמעז לאכן
מיט א דונער אין דעם קאל;
בארג און טורעם טאנצט דער שטורעם —
ברעכט זיך בארג און ציטערט טאל.
כוואליעס קומעז, כוואליעס ברומעז,
ס'ברכעט דער ווינט פון מאסט דעם בוים;
ביז צום הימל אין געטומל
שפריצט דער ווינט מיט גרויעז שוים . . .
ס'זידט אז פלאמעז, נישט צו צאמעז,
ס'גייט א שיקער־טאנץ דאס שיף;
איז באזויפן גרייט פארקויפן
די קארבאנעס צו דער טיף".

אָבער דער מענטש אין דער וועלט איז שטאַרקער פונעם ווינט, מיר וועלן נאָך זען מיט אונדזערע אויגן —

„ווי ס'גייט־אויף לויכטנדיק דיין מארגנשטערן;
זען גליק אויף דיינע פריינט, זיך פרייען מיט דיין פרייד
ווען דו, באנייט און יונג, וועסט ווידער ווערן".

(גייט אָפּ מיט אַ געפייף פונעם ווינט)

י. ל. פּערעץ־טאנק (דעקלאַמירט) —

„א, מיין ניט די וועלט איז א העפקער!
די וועלט איז קיין קרעטשמע, קיין בערזע!
געמאסטן ווערט אלעם, געוואויגן ווערט אלעם,
קיין טרער און קיין בלוטיקער טראפן פארגייעז,
אומזיסט ווערט קיין פונק און קיין אויג ניט פארלאשן!
פון טרערן ווערן טייכן, פון טייכן ווערן יאמים,
פו יאמים — א מאבל, פון פונקען — א דונער.
א, מיין ניט, לעם דין ועלעם דאיען!"

(עס דערהערט זיך אַ סירענע־רוף, טאַנק פאָרט אָפּ)

כאים סאָלאָמאָן־טאנק (רעדט) — **איך בין ווידער גרייט צו העלפן, פאַר מיין לאַנד, פאַר אייער לאַנד, פאַר אַ וועלט פון גערעכ־טיקייט, „ווי פאַר וויקטאָרי".** (שיסט אויס דריי מאָל, אָפּ.)

מאָרים ווינטשעווסקי־טאנק (מיט געזאַנג) —

„וויקלט פונאנדער די פאנעז די רויטע,
שפילט אויף א מארש און דערלאנגט זיך א ריר (צוויי מאל)

סעם ליפצין

וועקט אויף די אָרעמע לעבעדיק־טויטע.
זאָגט צו זיי: ברידער, דאָ שטייען מיר,
דאָרט — דער בלוטיקער פּיינט.

ווישט אָפּ פון אַרבעטער אויגן די טרערן,
זאָגט זיי, אַז וויינען איז איצט ניט די צייט.
לאָזט היינט קיין קול פון געוויין זיך ניט הערן,
היינט, ווען מיר קומען אַרויס אויף אַ שטרייט.

דאָ — די פרייהייט, דאָס ליכט,
דאָס ליכט, די גערעכטיקייט.
דאָרטן, — דער יאָך און די נאַכט,
דאָרטן די נאַכט און די שלעכטיקייט,
ברידער, מאַרשירט, מאַרשירט מיט אונדז היינט!"
(גייט אָפּ זינגענדיק)

מ. אַלגין־טאַנק (רעדט) —

„מיין פאָלק, דו ביזט גערעכט. אין דיין גערעכטיקייט שעפּ קויעך פאַר דער גרויסער שעה.

מיין פאָלק, ביזט ניט אַליין. אין יעדן פאָלק, אין יעדן לאַנד עס קלאַפּן מענטשן־הערצער — פאַר דיר, פאַר דיין שוץ.

מיין פאָלק, ביזט יונג. האָסט יונגטלעך געברויזט מיט קאַמף פאַר פרייהייט אומעטום, וואו פרייהייט־פאָן האָט אויפגעבליצט. דיין נאָמען איז פאַרצייכנט צווישן בויער פון אַ נייער וועלט.

מיין פאָלק, ביזט שטאָלץ. דו האָסט דעם סוינע קיינמאָל ניט געלאָזט באַהערשן דיין געמיט. דו האָסט געהאַלטן הויך דעם קאָפּ. דו האָסט פאַראַכט דעם פּיינט. דו האָסט זיך טורעם־הויך געהויבן איבער זיין פאַר־צוקנדיק געזינדל.

מיין פאָלק, די שאָ איז שווער. דער פּיינט איז כאַאיש. עס גיסט זיך אונדזער בלוט. עס ווייטיקט אונדזער האַרץ. דער וואָלקן — בליי — פּרעסט און פּרעסט אויף אונדזער ברוסט, אויף אונדזער לייב און לעבן. ס'איז שלעכט מיין פאָלק. ס'איז ווי און ווי און ווי.

מיין פאָלק, אין טיפן ווייטיק שעפּ דיין גרעסטן קראַפט. פון בלוט שמיד אויס די שווערד פון קאַמף. פאַרטיידיק זיך. שטיי אויף. שטויס אָפּ. דורך קאַמף צו פרייהייט — איז דען דאָס ניט אַלעמאָל געווען דער גלייכסטער וועג?

געווען אַמאָל, מיין פאָלק, אַ צאַרן־לאַנד. געפּייניקט האָט מען אונדז אין יענעם לאַנד, פאַגראַמירט. געגאָסן האָט זיך אונדזער בלוט, געטריפט, געשטראָמט, געברענט אויף יעדער גאַס.

און געקומען איז דער שיינער טאָג. פאַרשוואונדן איז דער פּיינט. פאַרווישט איז יעדע שפּור פון פּיין. פריי און ברייט און מעכטיק אָטעמט איצט די ברוסט פון אונדזער פאָלק.

מיין פאלק, זיי שטארק. ד ו ב י ז ט ג ע ר ע כ ט . מיט דיר איז יעדער ארנטלעכער מענטש אויף גאר דער וועלט. מיט דיר צוזאמען בלוטיקט, ליידט און זוכט א רעטונג דאס בעסטע אין מענטשן־מין.

מיין פאלק, דער טאג איז שוין ניט ווייט. ס'וועט קומען ליכט, ס'וועט קומען עמעס. מיר וועלן ווערן פריי.

זיי שטארק, מיין פאלק".

שאָלעם־אלייכעם־טאנק (שאָלעם־אַלייכעמדיק) — „וויפיל לעכעלעך ס'איז אויסגעשטופּלט געוואָרן אין אַלע מאַצעס פון דער וועלט, זינט די אידן זייַנען אַרויסגעגאַנגען פון מיצראַאים ביז איצט — אזוי־פיל לעכעלעך זאָל מיין טאַנק דיר מאַכן, היטלער־מאַמזער, אויף דער צונג". מיין טעוויע וואָלט געזאָגט: „לוי מעכאַזעראָסאָ שטרייַמעלאָסאָ", פון היטלערן וועט מען שוין קיין מענטשן ניט מאַכן, אָבער אַ באַרמענאַן וועט ער זיין! (אָפּ)

מענדעלע־טאנק (לויט מענדעלען) — זאָל מיין טאנק קלאַפּן אין דעם סוינע פון דער מענטשהייט ביז וואַנען מענטשן וועלן ווערן בעסער און קליגער, און עמעס און גערעכטיקייט וועלן הערשן אף דער וועלט. „דער שטורעם, אין וועלכן די גערעכטיגקייט וועט זיך באַווייזן, וועט זיין אַ שטאַרקערער פון דעם וואָס איז געווען ערשט ניט לאַנג". דער שטורעם פאַנגט זיך ערשט אָן. (דער טאַנק מאַכט אַ געליאַרעם און גייט אָפּ.)

רעאוואון בריינין־טאנק (מיט ווייכקייט) איך האָב גלויבן, צוטרויען אין דעם סאָוועטישן פאָלק און אין אלע וועלכע ווילן זען אַ ליכטיקע וועלט. זאָל מיין טאַנק העלפן אייך אין אָט דער הייליקער אַרבעט. איך גיי שולטער צו שולטער מיט אייך אין דער שטרעבונג צו אַ בעסערער וועלט. זאָלן אָפּגעמעקט ווערן די פינצטערע פאַשיסטישע קויכעס און אויסגעוואָרצלט ווערן פון דער ערד. (קאַנאָנעןשאָס. אָפּ.)

הירש לעקערט־טאנק (ברויזנדיק) — זע דו פינצטערער היטלער, דער שאָטן פון פאָן־וואַל גייט דיר נאָך, דו ביזט ניט דער ערשטער הענקער, אָבער די גוטע הערלעכע וועלט וועט דיר ניט פאַרזען! ווי פאָן־וואַל שמייסטו און ניט נאָר דעם אידישן אַרבעטער, נאָר אַלץ וואָס איז ניי און שיין אין לעבן. געדענק, מענטשן־מערדער, די הענקער האָבן פאַרצויגן אַ שטריק אויף מיין האַלדז, מ'האָט מיר באַגראָבן אף „וואָיענע פאָליו". פיר באַטאַליאָנען סאָלדאַטן האָבן מיר פּרובירט פאַרטרעטן. פאָן־וואַל־היטלער, איך לעב; מיין טאַנק גייט

אויף דער ערד, אפּמעקן וועט ער אייך, באַציס, עס וועט פון אייך קיין שטויב ניט בלייבן!

(**עס דערהערט זיך אַ טרומפּייט־שאַל און מיט דעם שטעפּן פון אַ מאַשין־ביקס גייט ער אָפּ.**)

עמאַ לאַזארוס (פּאַטעטיש) — **אין אַמעריקע האָב איך איינגע־קריצט אַט־די ווערטער אין דער סטאַטוע פון פרייהייט:**

„. . . אָ, איר קאַנט זיך, אַלטע לענדער, האַלטן מיטן ייכעס!
גיט מיר בעסער איי׳רע מידע, מיט בלוט־פאַרלאָפענע,
דעם הילפלאָזן אָפּפאַל פון אייער איבערגעפילטן ברעג,
די זין־טולעיענדיקע מאַסן, געטריבן ווי די רוכעס;
שיקט מיר די היימלאָזע, די פון שטורעם־געטראָפענע
און כ׳על מיט מיין לאָמפּ זיי באַלייכטן דעם וועג!"

איצט, אין נויט פון מיין פאָלק, וועל איך מיט טאַנק איינ־קריצן ווערטער אין סוינעס קערפּער. זאָל איצט טאַנק זינגען פאַר מיר. (טאַנק נעמט רוישן און ברילן, פאַרט אָפּ אונטער בליצן און שי־סעריי.)

יעקב שייפער־טאַנק (מאַסן־געזאַנג) —

„זעט איר ברידער, אונדזער רויטע פאָן
פלאַטערט אין דער לופט
נייע קויכעס קומען אָן
הערן אונדזער רוף.
האַלט זיך בראַוו, מיר קומען אָן,
אייניקייט איז מאַכט!
זייט ביי זייט און הויך די פאָן,
פאָראויס, פאָראויס אין שלאַכט!"

דער טאַנק פאָרט אָפּ זינגענדיק)

(**פלוצלינג הויבט אָן הודזשען, קראַכן, שיסן, פייפן, בליצן. זאַשאַ כאַפּט זיך אויף, מאַכט ליכטיק דעם לאָמפּ, שפּרינגט צו צום קראַנקן לייבלען, פּרובירט אים באַרויקן.**)

לייב ראָסין (קרעכצט) — **אוי, מיין קאָפּ, מיין קאָפּ.**

ליאָווע (לויפט אַריין) — **זאַשינקאַ, דאָקטאָר מיכאַיל.**

(דאָקטאָר און מאַניאַ לויפן אַריין פונעם צווייטן צימער)

פריילעכע נייעס, (ער כאַפּט אַרום דעם דאָקטאָר) **גוטע נייעס פון אַמעריקע. די אידן האָבן זיך אָפּגערופן מיט טאַנקען, עראָפּלאַנען און מעדיקאַמענטן. די אידן פון די שולן, פון די אָרדנס, פון די יו־**

ביאַנס. אַן ענטפער אויף אונדזער רוף פון אַלע עלאַיס־לענדער. די אידן זיינען ניט היגטערשטעליק פון אַלע פעלקער. זיי ווייסן, אַז מיר שלאָגן זיך פאַר אַ בעסערער וועלט!

לייב ראָסין (שוואַך) — זיי זיינען שוין ווידער באַפאַלן? ווידער באַפאַלן?

זאַשא (באַרואיקט אים) — ס'איז אַ קעגן־אַטאַקע פון אונדזערע, פון דער רויטער אַרמיי. ליג רואיק, כאַווער לייבל.

לייב ראָסין (צופרידן) — יאָ?! אונדזערע?

ליאַווא (רעדט צו אים) — כאַווער לייב ראָסין, פריילעכע נייעס, עס זיינען געקומען טאַנקען, טאַנקען פון די אַמעריקאַנער, ענגלישע און פאַלעסטינער אידן, זייער כיילעק אין קאַמף קעגן די דייטשע האָרדעס. די אידישע מאַסן ענטפערן אויף דעם רוף פון די אידן אין סאָוועטנלאַנד.

(עס דערהערט זיך אַ קאַנאָנען־קראַך.)

לייב ראָסין — יאָ?! (ער צילט מיט דער לינקער האַנט ווי ער וואָלט שיסן. ער ענטפערט אויף יעדן שאָס) פאַר מיין לאַנד! פאַר מיין פאָלק! פאַר מיין פרוי און קינד! (קרעכצט שווער).

דאָקטאָר (באַרואיקט אים) — זייט רואיק, איר דאַרפט נאָך אַ סאַך קעמפן, היט אייער געזונט.

לייב ראָסין (נעמט זיך הויבן פונעם בעטל) — מיט דער לעצ־טער האַנט, מיטן לעצטן פינגער, ביזן לעצטן טראָפּן בלוט!!

(עס הערט זיך שטילער געזאַנג „האַלט זיך בראַוו מיר קומען אָן!" אַלע [illegible]דן זייער בליק צום דרויסן).

(פאָרהאַנג)

---

*) די לידער געהערן צו די פאָלגנדיקע דיכטער:

באַר־קאָכבא — ש. האַלקין.

יעהודאַ האַמאַקאַבי — ה. הענדל.

יעהודי האַלייווי — פון יעהודי האַלייווי'ס לידער — אידיש: י. י. שוואַרץ.

י. ל. פּערעץ — „אַ מיין ניט" פון י. ל. פּערעץ.

מאַרים ווינטשעווסקי — „וויקלט פונאַנדער די פאַנעז די רויטע" — מ. וו.

מ. אַלגין — פון „מיין פאָלק" — מ. אַלגין.

עמאַ לאַזאַרוס — פון איר ליד אויף דער פרייהייט־סטאַטוע.

יאַנקעוו שייפער — „האַלט זיך בראַוו" — פון י. גרינשפּאַן. מוזיק: י. שייפער

די פאָן אויף מיין גאַס

(בילד)

וויגט דער ווינט די פאָן מיט די פופציק שטערן אויף מיין גאַס. יעדער שטערן איז אַ קינד, אַ זון פון אַ טאַטע־מאַמע.

אין דער מיט פון דער פאָן שטייט אַנקל סעם, די ברעמען בייז אַנגעשטרענגט, דאָס בערדל פאַרריסן, די אַרבל פאַרקאַטשעט. ער, צוזאַמען מיט זיין אַרמיי איז אין קאַמף פאַר אונדזער לאַנד, פאַר אונדזער פאָלק.

פרימאָרגן, ווי גיך די זון שיינט אַרויס און וואַרפט איר ליכט אויף דער פאָן, קומט אַרויס די מאַמע, מיסעס פרידמאַן — די מאַמע פון אַ שטערן, די מאַמע פון אַ זון.

— גוט־מאָרגן דיר, קינד מיינס, — זאָגט זי צו איינעם פון די שטערן, וועלכע זי האָט באַשטימט אַז דאָס איז איר קינד, איר זון אַורעמעלע.

זי זעצט זיך אַוועק קעגן־איבער דער הויז, אין דעם קליינעם פאַרקל, אַפן באַנק, און שטריקנדיק אַ סוועטער פאַר דער אַרמיי, זינגט זי זיך צו אין דער שטיל:

יעדע „אויג" איז אויף דער וואד, די שפיזלען לויפן, בלאַנקען,
זיינען הענטשקעס פארטיק שוין צו קירעווען די טאַנקען׃
פארן וועט זיך דער טאַנקיסט, צערייסן סוינעם בריק:
פאַר דער מענטשהייט פון דער וועלט: שטריקט! שטריקט! שטריקט!

באַלד זעצט זיך אַוועק דערביי די מיסעס קאָהן. אויך זי קוקט אויף אַ שטערן — איר איציקל שטייט איר דאָ פאַר די אויגן . . . אויך דער טאַטע יאָסל ווישט אויס זיינע אויגן־גלעזער און וואַרפט אַ בליק מיט ליבשאַפט צו איינעם פון די שטערן אַף דער פאָן.

— קינדערלעך, — שטרעקט אויס די באָבע סאָרעניו אירע דאַרע הענט, אויף וועלכע ס'זיינען אויסגעצויגן די אָדערן ווי סטרונעס אויף אַ פידל, — קינדערלעך, געבענטשט זאָלן זיין אייערע הענט, די הענט וואָס שלאָגן זיך פאַר מיר, פאַר אייער טאַטן־מאַמען, פאַר אייער לאַנד, פאַר אייער פאָלק. איך בעט גאָט פאַר אייך טאָג און נאַכט.

די מיסעס קאָהן דערציילט פון איר איציקלען. אַ גאָלדן קינד איז ער. צו צען יאָר האָט ער שוין געשפילט פידל פאַר מענטשן. „מאַמע, שרייבט ער מיר, „זאָרג זיך ניט, די ביקס איז איצט מיין

פידל און איך וועל ווידער זען צו שפילן גוט . . .

די מיסעס דאָבקין קומט צו אַ צופרידענע.

— אומזיסט זיך געשראָקן. מיין פריידעלע האָט קליינערהייט זיך געהאַט צעבראָכן אַ הענטל, האָט זי זיך געערגערט וואָסזי וועט זיך ניט קענען שטעלן צום „פריזיוו" . . . נו, איר וואָלט איר געמעגט אָנקוקן, זי זעט דאָך אויס ווי אַ גאַנצער גענעראַל. מיין פריידעלע איז דאָך אַ מויד אַ קאָזאַק — אַ לעבן אויף איר.

די מיסעס ראָזן רעדט אַרויף צום שטערן אַף דער פאָן:

— זונעלע מיינער, איך האָב היינט פּרעזערווירט מיין בלוט פאַר איינעם פון אייך, און דו אַליין ביזט דאָך אויך אַ טייל פון מיין בלוט. איך היט מיין בלוט, איך בין אויף דער וואַך, איך נעם מיין אויג פון דיר ניט אַרונטער.

— דו שטערן מיינער, — ווי די אַנדערע שטערן, קעמפן פאַר אַ ליכטיקער וועלט. קינדעלע מיינס, ווען דו ביזט געווען קליין, האָב איך זיך געשלאָגן פאַר דיר; איצט — שלאָגסטו זיך פאַר מיר, פאַר אונדז.

— איך האָב דיר געבראַכט אַהער ווען דו ביזט אַלט געווען דריי יאָר. אין דער אַלטער היים האָבן מיר זיך שטענדיק געמוזט האַלטן הינטער לאָדן און ריגל, דאָך האָבן איינמאָל באַפאַלן פּאָגראָמשטשיקעס אונדזער היים. מיר האָבן זיך געווערט. דער טאַטע איז געפאַלן אונטער זייערן אַ מעסער. דיך, קינד מיינס, האָב איך ווי דורך אַ נעס געראַטעוועט.

— איצט לויערן ווידער פּאָגראָמשטשיקעס: אַ היטלער, אַ מוסאָליני, אַ מיקאַדאָ, אָבער איצט זיינען מיר ניט אַליין. אַ וועלט, די שיינע וועלט איז מיט אונדז, און דו, מיין קינד, מיין ליכטיקער שטערן, ביזט פון די אויסדערוויילטע צו באַשיצן אונדז — יאָ, באַשיצן דיין מאַמען!

קייטלען זיך די אייגעלעך פונעם סוועטער ביי דער מיסעס פרידמאַן אין די הענט. די זון וואַרפט אירע גאָלדענע שטראַלן אויף דער פאָן. די בייזקייט אויף אָנקל סעמ׳ס פּאָנים שפּיגלט אָפּ זיין ליבשאַפט צו די וועלכע האָבן ליב פרייהייט און קעמפן פאַר איר.

אַ טאַטע לויפט פאַרביי, טראַגנדיק אַן אַלטע בעטל אויף זיינע פּלייצעס. ער וואַרפט אַ קוק צו דער פאָן. ער וויל צוגעבן מוט אָנקל סעמ׳ען: — נו, ליבער אָנקל, דאַרפסט „סקרעפּ"? נאָ דיר „סקרעפּ"! אַ מאַמע טראָגט אַ סלאָי מיט פעטס — מאַטעריאַל פאַרן קריג. זי

קען ניט באַשטימען ביי זיך פאַרוואָס אָנקל סעם איז בייז, ווייל זי ווייסט
כער מאַכן זיין פאַרהאַרטעוועטן פּאָנים, שמייכלט זי: — פּעטערל,
עס וועט זיין פעטס — שמיר די רעדער און שיס געזונט.

אויף אַ ברעג באַנק זיצט דער אַלטער ביומאַן און ציילט די
שטערן. ער וויל וויסן, ווי גרויס עס איז אונדזער ארמיי אויף דער
גאַס. ער ציילט: ניט איינס, ניט צוויי, ניט דריי, און אַז ער קומט צו
פופציק, בלייבט ער זיצן ווי פאַרטראַכט: וועלכער שטערן איז מיינער?

ער נעמט אַרויס אַ בריוו מיט אַ בילד פון זיין זון און גרויסט
זיך, פּילט זיך שטאָלץ מיט זיין ביישטייערונג פאַר דער פאָן פון אונד־
זער לאַנד.

אַ מאַמע צעעפנט אַ קליינעם פאָנאָגראַף און שטעלט אָן דעם
רעקאָרד, וואָס זי האָט דערהאַלטן פון איר זון: „העלאָ מאַמע", זאָגט
דער רעקאָרד. זי קוקט אַרויף צום שטערן און ענטפערט אָפּ אין דער
שטיל: „האַלאָ זונעלע".

— איך בין שטאָלץ — דרייט זיך דער רעקאָרד ווי אין אַ גאַ־
לאָפּ־טאַנץ, — איך בין שטאָלץ צו קעמפן פאַר מיין לאַנד און פאַר
דער פרייהייט פון דער וועלט. מיר, די באַיעס פון אַמעריקע, סאָוועטן־
לאַנד, ענגלאַנד און כינע, וועלן מאַכן „סקרעפּ" פון דעם נאַצי־
דזשעפּ.

די מיסעס פרידמאַן פאַרענדיקט אַ טייל פונעם סוועטער. זי
הויבט דאָס אויף מיט אירע ליבע מאַמעשע פינגער און האַלט אַנטקעגן
דער פאָן, ווי זי וואָלט וועלן צולייגן צו אַ שטערן, צופּאַסן די מאָס.
זי ווידערהאַלט דאָס ברומען פונעם לידעלע:

א ווארעמע האנט דער ארמיי,
מיט זאקן, הענטשקעס, שאלן,
זאל א זיג איבער דער וועלט
גיכער זיך צעשאלן!

ווינקט דאס „אויגל", טאנצט דער קנויל,
טאנצט ווי צו מוזיק.
דער מאמע'ס שפיזלען... ווערן וואפן—
שטריקט! שטריקט! שטריקט!

און אַז די זון לאָזט זיך אַראָפּ. דאָס מילדע ווינטעלע וויגט די פאָן
מיט די שטערן אַהין און צוריק, דערמאָנט זיך די מאַמע ריווקע: אָט
אַזוי פלעג איך אים וויגן, וויגן און זינגען: „שלאָף מיין קינד, מיין
טרייסט, מיין שיינער" . . .

די מאַמע ריווקע לאָזט זיך גיין צו די מיטינגען: וועקן, מונטערן,
אויפקלערן ווי צו אָרגאַניזירן די אַרבעט, ווי צו קריגן ערשטע-הילף
וועגן מ'וועט באַפאַלן פונעם סוינע.

זי וואַרפט אַ ליבן בליק דער פאָן, אַ בליק אויף איר שטערן, אַ
גוטע נאַכט — זאָגט זי — אַ גוטע נאַכט! מאָרגן וועט ווידער שיי־
נען די זון.

„פּריוועט“ מיכל

(מאָנאָלאָג)

רעכטס, לינקס — רעכטס, לינקס. אַ יאָ איך זע־אויס ווי אַ סאָלדאַט? ווען איר זעט מיך נאָך מיט דער ביקס און הערט מיינעם אַ שאָס: פּיף־פּאַף, וואָלט איר זיך זיכער דערשראָקן.

די מאַמע מיינע האָט מיר אָנגעזאָגט: מיכל, דו גייסט אין דער מילכאָמע, נו, גיי געזונטערהייט, נאָר זיי ניט צעלאָזן, פאַרגעס די איינגלשע שטיק, שטופּ זיך ניט אין פראָנט . . . שלאָג זיך מיט קיינעם ניט . . . קריג זיך ניט און גיי פּרי שלאָפן . . .

מיין מאַמע האָט מיר אויך אָנגעזאָגט: מיכל, דו גייסט אין דער פרעמד, זיי ניט שעמעוודיק, זע צו עסן און „פּיקס“ זיך אביסל . . . עס די סיריעלס מיט אַ סאַך ראָזשינקעס, ווייל פון ראָזשינקעס קריגט מען צו אייזן און אייזן איז איצט פאר קיין געלט ניט צו קריגן . . . זע, נעם זיך אַלע טאָג אַ הייסע וואַנע . . . בעט ביי זיי, זיי זאָלן דיר געבן א „פּריוועט בעד“, וואַש זיך גוט אויס די אויערן און גיי ניט אַרונטער קיין באָרוועסער . . .

ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך ניט קיין מוירע צו זיין א סאָלדאַט. איין זאַך האָט מיר בלויז געשראָקן — כ'האָב פיינט די „האַמבורגער“ און די „פראַנקפורטערס“. איך עס ניט קיין פליש, כאָטש קוילעט מיך. באָכמער: ווען איך זע עמיצן אַנדערש עסן א „האַמבורגער“, צי אַ „הייסן הינטל“, אָדער אַ סטייק, בין איך גרייט יענעם אויפצועסן אַ לעבעדיקן . . . וואָס הייסט אַ מענטש זיצט און שטאָפּט נוויילע אין זיין לעבעדיקן קייווער? . . .

האָב איך דאָס טאַקע געזאָגט דעם עלטסטן, אָט־דעם וואָס טראָגט אַ בענדל און איך דאַרף אים מאַכן אָט־אַזוי־אָ: סאַלוט!

זאָג איך אים: אַזוי געפעלט מיר אַלץ זייער גוט. איך ווייס, זאָג איך, אַז אין אַ מילכאָמע דאַרף מען שמעקן פולווער, אָבער ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך אַלע מיינע יאָרן אַ וועגעטאַריער, איך בין קעגן עסן לעבעדיקע זאַכן.

זאָגט ער, דער מאַן מיטן בענדל: אַ וועגעטאַריער איז אַ וועגעטאַריער, מיר הייסן אייך ניט, כאָלילע, אַז איר זאָלט די יאַפּאַנאַציס עסן . . . איר דאַרפט זיי בלויז שיסן, האַרגענען און — פּאַטער.

איין פרימאָרגן הער איך ווי מ׳שרייט: „פרייוועט מיכל!" טראַכט איך ביי זיך: דאָס הייסט אַ פּיינקייט, מ׳האָט שוין פּאַר מיר אַ „פריי-וועט בעד", ווי די מאַמע האָט מיר אָנגעזאָגט. איך גיב זיך אַ כאַפּ אַרויס אין דרויסן, ערשט געפין איך אויס: מ׳האָט מיר גאָר אַ בייעם נאָמען געגעבן — „פרייוועט מיכל", און מ׳רופט מיר גאָר איך זאָל זיך נעמען לערנען שיסן.

די ערשטע זאַך גיט מען מיר אַזוי־אַ אַ פרעג: ווען דו שטייסט אויף דער וואַך און מיט אַ מאָל קומען דיר אַנטקעגן אַ נאַצי און אַ פאַשיסט; וועמען וואָלסטו פריער דערשאָסן?

וואָס הייסט, זאָג איך, פריער איינעם, דערנאָך דעם צווייטן.

בראַוואָ, זאָגט מיר דער מאַן מיטן בענדל, און ער נעמט מיר ווייזן ווי צו שיסן.

זע, זאָגט ער, ווען דו צילסט די ביקס אַט־אַזוי־אַ, טרעפסטו דעם יאַפּאַנאַצי גלייך אין האַרץ אַריין. נו, פרעג איך אים, און אַז איך וועל די ערשטע צייטן טרעפן אין באַז, אָדער אין אַן אויער — וועט ניט טויגן? ענטפערט ער מיר, אַז ס׳איז בעסער אַז מ׳לערנט זיך גלייך טרעפן אין ציל.

פרעג איך ווידער: וואָס הייסט אַלע מאָל זיך לערנען שיסן גלייך, ווי איז אַז דער סויבע איז אַן אַ זייט און מ׳דאַרף שיסן קרום? זאָגט ער מיר: קרום דאַרף מען זיך ניט לערנען, קרום שיסט זיך שוין אַליין . . .

אַזוי האָב איך זיך אויסגעלערנט שיסן. איצט זאָג איך אייך, גייט דאָס שוין ביי מיר ווי געשמירט, עס שיסט זיך אַליין . . . מיין ביקס האָט טאַקע אַנומעלטן אליין אויסגעשאָסן און מיר שיר געטראָפן אין ציל . . .

ווי איר קוקט מיך אַן בין איך אַ מענטש, וואָס האָב פיינט, ווי די מאַמע האָט מיר אָנגעזאָגט, זיך צו שטופּן אין פראָנט . . . אָבער אַז דער מאַן מיטן בענדל זאָגט מיר: פרייוועט מיכל, גיי, איז גע־גאַנגען!

וואָס זאָל איך אייך דערציילן, איך ווייס ניט גענוי ווי דאָס האָט זיך אָנגעפאַנגען, מיסטאָמע אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, ביז מ׳האָט זיך גענומען שיסן, און שיסן צו שיסן איז ניט גלייך, ניטאָ קיין רעס־פּעקט פאַר אַן עלטסטן, קיין ראַכמאָנעס אויף אַ שוואַכן — מ׳שיסט: טשי־טשי־טשי־בום . . .

ערשט נאָכדעם ווי מ'האָט שוין אויסגעשאָסן דעם גאַנצן קאַס, איך זע עטלעכע נאַצי־פּאַשעס לויפן מיט די לעצטע קויכעס און האַלטן אין דער לופטן א ווייסע פאַן . . .

וואָס קען דאָס מיינען? טראַכט איך ביי זיך, נאָר איידער וואָס־ווען, פאַלן זיי צו צו אונדזער מאַן מיטן בענדל: ראַטעוועט אונדז! איידער מיר פאַרכאַפּן די וועלט, ווילן מיר דערוויל זיך אַריבּ־כאַפּן צו אייך אין פּלען.

וואָס עפּעס ביי אונדז? טראַכט איך און מיין עלטסטער פרעגט זיי טאַקע.

זאָגן זיי, די נאַצי־פּאַשעס: ערשטנס, האָבן מיר געהערט, אַז איר 'האָט וואָס צו עסן . . . און צווייטנס, ווען ס'וועט קומען צום פאַרכאַפּן, וועלן מיר זיין פון די ערשטע . . .

אויב אַזוי, טראַכט איך, און מיין עלטסטער פרעגט: אויב איר ווילט נאָך אַלץ כאַפּן, טאָ צוואָוואָס האָט איר אויפגעהייבן אַ ווייסע פאַן?

ס'איז ניט קיין פאַן, מאַכן זיי, דאָס האָבן מיר געבראַכט אַן איינגעגעם טישטוך — מיר ווילן עסן . . .

וואָס מיינט איר איז געווען דער סאָף? ס'האָט ניט גענומען לאַנג און זיי האָבן פאַרנומען ביי אונדז אַ שטיק טעריטאָריע . . . יעדער איינער פון זיי — זעקס פוס אין דער לענג און פיר — אין דער ברייט . . .

איינמאָל שטיי איך אַזוי אין אַ רעגנדיקן טאָג, טאַקע דאָרט וואו מ'האָט מיר אָוועקגעשטעלט. דער רעגן גיסט און מיר קאַפּעט פון דער נאָז גאַנצע העמערס מיט וואַסער. מיט אַ מאָל זע איך ווי אַן אמבּרעלאַ וואָלט מיר אַראָפּגעפאַלן פונעם הימל. איך וויל אים אויפהייבן, ערשט איך דערזע, עס קריכט אַרויס פון דעם פאַראַשוט אַ נאַצי־פּאַשי, ער מאַכט זיך ווי געפייגערט, און זאָגט מיר „ווי". זאָג איך: „ווי" — פאַר וועמען? פאַר אונדז מיינט דאָס „וויקטאָרי" און פאַר אייך — ווינד און ווי . . .

ער האָט גלייך געזען, אַז איך בין ניט קיין יאַלד, גיט ער מיר אַ פרעג: שפּרעכן זי דויטש? זאָג איך: „גאָ טו העל!" זאָגט ער: דאַנקע שיין, מיין הער".

פרעג איך אים שוין אין פּראָסט פּאַשעטן דייטש: זאָג מיר נאָר, דו פאַסקודנער קערל: ווי קומסטו דאָ אַהער? דערציילט ער מיר אַ מייסע, אַזוי ווי ס'איז אים פאַרלאָרן געגאַנגען אַ הונט, גייט ער ארום

אים זוכן, האָט גענומען רעגענען, האָט ער זיך פאַרבאַהאַלטן אונטערן אַמברעלאַ.

קום, זאָג איך, מירן דיר אַביסל אַנוואַרימען . . . און ווי גיך מירן פּאַקן דעם הונט . . . וועלן מיר דיר לאָזן וויסן . . . ווייל מיר, זאָג איך, זוכן אויך דעם הונט . . .

איר מעגט דאָס וויסן, אַז איך, פּרייוועט מיכל, נעם ניט קיין בלאָף איך שפּיל אַ גרויסע ראָלע אין דער אַרמיי. דער עלטסטער זאָגט מיר: מיכל, דו האָסט גאָלדענע פיגגער. יאָ, ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן, בין איך דער בעסטער בולבע־שיילער צווישן אלע סאָלדאַטן . . .

אַנומעלטן, זאָגט מיר דער מאַן מיטן בענדל: פּרייוועט מיכל, זאָגט ער, מיר גייען מאַכן אַ געוועט אין לויפן און איך בין זיכער אַז דו וועסט געווינען די אויסצייכענונג.

אויף מאָרגן, מיר נעמען לויפן, פּלאַצן מיר די שיך־בענדלעך. די שיך לויפן אַראָפּ פון די פיס און איך בלייב שטיין מיט אַזאַ־אַ נאָז . . .

דערנאָך רופט אונדז צו דער עלטסטער און גיט דעם וואָס איז געלאָפן פאַר מיר — איין בענדל, און מיר—גאַנצע צוויי . . . נאַדיר, זאָגט ער, צוויי ביי̆ע שיך־בענדלעך . . .

איך זאָג אייך, די אַרמיי מאַכט פון אַ גאָרנישט אַ מענטשן. אָט נעמט מיך: איך עס שוין אַפילו „האַמבורגער״ . . . און „פראַנק־פורטערס״. מיין מאַמע זאָגט מיר: מיכל, דו זעסט דאָך אויס אין דעם ביי̆עם אַנצוג ווי אַן עמעסער סאָלדאַט . . .

רעכטס, לינקס — רעכטס, לינקס, פיף! איר הערט, ביט אומ־זיסט זאָגט מען, אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזים . . .

„סקרעפּ“

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ פרוי)

איך האָב אייך געבראַכט אַביסל „סקרעפּ“ און אויב איר קענט פון אַט־דעם־אַ „דזשאַנק“ מאַכן שיפן, קאַנאָנען, באָמבעס פאַר היט־לערקען, „מוסאָלינקי“ און דעם „מיקאַדו־לטשיק“, מאַכט דאָס, און זאָל אונז אַלעמען זיין צו געזונט.

איך האָב גראָד פון דעם־אַ סכוירע איבערגענוג, גלויבט מיר. ווען איך האָב קויעך און ברענג אייך אַריין מיין „דזשאַנק־יאַרד“, וואָס מיין מאַן האַלט אין פראָנט־רום, וואָלט איר געקאָנט מאַכן אַ קריגס־שיף און אַ נאָמען געבן נאָך מיר — כאַנע־ביילע באַס ייצכאָק־אייזיק.

מיין מאַן, פאַרשטייט איר מיך, איז אַ זייגערמאַכער, אַ שלאָסער, פאַרריכט ראַדיאָס און דערצו אַ ליבהאָבער פון אַנטיקן. אָבער אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער לעבט ווייס ער ניט . . .

איין זאַך קאָן איך אייך זאָגן, אַז דער גאַנצער „סקרעפּ“, וואָס איך האָב אייך געבראַכט, איז שוין געוואוינט צו מילכאָמע . . . וואָ־רים מיין מאַן, מעגט איר וויסן, איז אַ גרויסער קאַיסן, און אויב כאָ־לילע ער געפינט ניט אויפן פּלאַץ זיין שרויפן־ציער, פאַלט שוין דער האַמער אָן דער ערד. און טאָמער, כאָלילע, איז ניטאָ דער האַמער — קאָן פליען אַ הויפן טשוועקעס. און וויל ער איז קורצזיכטיק און האָט מוירע, אַז ער האָט ניט געטראָפן, לייגט ער נאָך צו אַ רעדל, אַ העגטל, אַן אַלטן שלאָס — וואָס ער האָט אונטער דער האַנט . . . פאַר אים איז ניטאָ קיין וועלט־מילכאָמע. מיין מאַן פירט זיך זיינע אייגענע מילכאָמעס . . .

נאָט, דאָס האָב איך צענומען די גראַטעס ביים פענצטער. זייט היטלערקע האָט איינגעפירט געטאָ־גראַטעס, ציטער איך צו קוקן אויף דעם. נעמט דאָס, און זאָל דאָס זיין אַ רעפוע קעגן גראַטעס . . .

און דאָס איז אַ קאָך־לעפל. עס קאָן אויך צוניץ קומען קעגן די פינפטע קאָלום קאָך־לעפל . . . מיט דעם קאָך־לעפל וועט מען קאָ־בען זיי אַ מיש טאָן אין די געדערים, אַז מ׳זאָל זען וואָס עס טוט זיך ביי זיי אין טעפל . . .

און אָט־אַ־דאָ האָט איר אַ טשייניק. עס וועט אייך אויך גוט צוניץ קומען — קעגן די טשייניק־האַקער, אָט־די, וועלכע ווילן פאַר־

ריידן די ציין און דערווייל — אונדז אַרויסנעמען די ציין פון מויל ווי אַ מיטל — קעגן צאָן־ווייטיק . . .

גיי ווייס, אַז „סקרעפּ" איז איצט מיט גאָלד צוגלייך. וואָס זאָג איך מיט גאָלד — מיט „חזשאַנק" צוגלייך . . .

ניט אומזיסט גייט איצט מיין שווער מיט אַ פאַרריסענעם נאָז. איר זעט, זאָגט ער, קינדערלעך, אויף אַלץ קומט אַ צייט. די רעגי־רונג אַליין הייסט אַכטונג געבן אויף די אַלטוואַרג, און איר — וואַרפט זיך מיט אונדז, אַלטע, ווי מיר וואָלטן שוין גאָרניט ווערט געווען . . .

די אַלטע „סקרעפּ" איז איצט געקומען צום לעבן . . .

איך האָב טאַקע היינט געטראַכט, אַי ווען מ'קען, איך זאָלט מיר אַנטשולדיקן, מיט אַט־דעם אַלטוואַרג, ריבּ־אייזנס, טשוועקעס און שרויפן אויסרייניקן דעם פּאַסקודנעם ווינקל אין דער וועלט, וואָס האָט זיך געלאָזן פאַרשטאָפּן די קעפּ און די מאָגנס פון דעם מיקאָ־דול'ס רייז . . . פון דעם מוסאָלינקי'ס לאָקשן . . . און פון היט־לערקעס קנאָבל־וואָורשט . . . איך זאָג אייך — — —

איך וועל אייך טאַקע דערציילן פון מיין קלוגן פעטער שמועל, אַלעוו־האַשאָלעם דאָ וואָלט ער מיסטאָמע זיך גערופן אַנקל סעם.

ער איז טאַקע ניט געווען קיין גענעראַל. סאַך־האַקל געווען אַ יאַון ביי ניקאָלאַיען. אָבער געווען אַ קלוגער איד, ער פלעגט זאָגן: פון אַלטע כּאַלע קאָן מען מאַכן פרישע קניידלעך, אַזוי וועט מען פון דעם „סקרעפּ" קאָנען מאַכן באָמבעלעך. איך טאַינע דאָס היינט צו מיין שכיינע. איך וועל, זאָג איך, אָוועקגעבן פאַר מיין לאַנד דעם לעצטן טשוועקל און נאָדל, אָבי, זאָג איך, מ'זאָל שוין איינמאָל פאַר אַלעמאָל . . .

איר הערט, זאָל זיך נאָר האַנדלען וועגן „סקרעפּ", דאָס וועט אונדזער פעטער שמועל — אַנקל סעמ'ען — ניט פעלן. מ'זאָגט, אַז פון די „סקרעפּ" קומט אַרויס נייע, גוטע שטאָל. האַלעוואַי וואָלט מען דאָס געקאָנט טאָן צו אַ סאַך אוממענטשן — דעם „סקרעפּ" פון דער געזעלשאַפט, אַזוי עפּעס איבערשמעלצן עס זאָל פון זיי ווערן שטיק־לעך מענטשן . . .

זאָרגט זיך ניט, איר זייט נאָך מיט מיר ניט פאַרטיק, איך מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויסליידיקן מיין „דזשאַנק־יאַרד". אַט דאַרפן מיר מופן, עס איז דאָך פּאַשעט ניט פאַר מיינע קויכעס, דאָס אַלץ צו

שלעפּן. און בײַ אים, בײַ מײַן מאַן, איז אַלץ נויטיק. אַלץ איז אַ סכּויירע. דער טשײַניק איז אַ כאַסענע־מאַטאַנע, די לײַכטער זײַנען אַ יערושע, די מעדניצע איז אַן אַנטיק, דער זײגער איז אַן אָנדענק, דער סאַמאָוואַר איז אַן אימפּאָרטירטער, און דעם טאָפּ קאָן מען גאָר פאַר קײן געלט ניט קריגן. מיט אײן וואָרט — בײַ מיר אין הויז שטײט אַ קריג-שיף, אַ באָמבער, אָדער אַ סאָבמאַרין...

ווי איר קוקט מיך אָן, וועל איך אײַך דאָס אַלץ ברענגען צוביסלעך, מעג איך האָבן מיט מײַן מאַן די גרעסטע מילכאָמע. צו דערלעבן אַ בעסערע אָרדענונג אויף דער וועלט — מוז איך צום ערשטן מאַכן אַן אָרדענונג בײַ זיך אין הויז...

פאַר אײַך מעג איך זאָגן: וועט ער דאָס מאָל נעמען וואַרפן טשוועקעס, ברענג איך אים אַלײן דאָ אויך צו אײַך, וועט זײַן נאָך אַ שטיק „סקרעפּ" ווײַביקער אין הויז... און זאָל ער טאָקע אויך פילן דעם טאַאַם פון שמעקן פּולווער...

אויף אַ רעגנדיקן טאָג

(פען־שטיפעריי)

צו האָבן אַ באַגריף ווי עס זעט אויס אַ אידישע הויז נאָך אַ נאַצי־פאָגראָם, וואָלט איר באַדאַרפט זען די היים ביי דער מרס. סמיט.

דאָס מאָל האָט, אָבער, געמאַכט דעם פאָגראָם ניט קיין נאַצי און ניט קיין פאַשיסט, נאָר — די מרס. סמיט אַליין, ווי מ'זאָגט, טאַקע מיט אירע אייגענע הענט.

די מרס. סמיט, מעגט איר דאָס וויסן און זיך באַקענען מיט איר, געהערט צו די באַלעבאָסטעס, וואָס האָבן שטענדיק אינזינען זיך צוגרייטן פאַר אַ רעגנדיקן טאָג . . .

נו, איז ווי גיך די מילכאָמע האָט גענומען ברענגען מיט זיך אַ מאַנגל אין געוויסע פּראָדוקטן און אַ העכערונג אין פּרייזן, האָט די מרס. סמיט איינגעפירט איר אייגענעם „סילינג" . . . וואָס ביי איר האָט עס געמיינט, איינקויפן וואָס מער זאַכן און לייגן אין די שאַפעס ביזן „סילינג" . . .

אַזוי איז זי געלאָפן פון קראָם צו קראָם און איינגעקויפט זעקלעך מיט צוקער, מיט מעל, פעקלעך קאַפע, קענדלעך סאַרדינס, סע־מענס, הערינגס. פלעשלעך מיט אויל, קעראָסין, עסיג, קעסטלעך מיט זייף, ליכט, גרויפּן, בעבלעך, לאָקשן און ווי גיך זי האָט געהערט, אַז אויך די צייטונגען קלייבן זיך צו העכערן די פּרייזן, האָט זי געראַטן דעם מאַן זיך אָנצוגרייטן מיט צייטונגען . . .

די היים פון דער מרס. סמיט איז געוואָרן אַן עמעסער סקלאַד פון סכוירע . . . אַלע שאַפעס, פּאָליצעס, אונטערן טיש און אונטער בענק, אין וואַש־טאָפּ, אונטערן סינק, אין דער וואַנע און אין די שופ־לאָדן, איבעראַל איז געוואָרן אָנגעפּראָפּט מיט קעסטלעך און פעקלעך און פון איבעראַל האָט זיך געהערט אַן אַנדער רייעך . . .

דער מרס. סמיט האָט ניט אָפּגעהאַלטן אָנקויפן אַלע טאָג בייעם „סטאָק", אַפילע ניט דער מיש־מאַש, וואָס די מייז האָבן צום ערשטן אָנגעמאַכט אין הויז.

פּאַסירט האָט איין קלייניקייט: די מייז האָבן אַרומגעגריזשעט די „לעיבלס" פון די קענס. אַלע קענדלעך און בלעכלעך און קעסטלעך זיינען געבליבן אָן פּאַפּירלעך, וואָס האָט געדאַרפט לאָזן וויסן וואָס אי־

בעוויינּיק געפינט זיך.

אַזוי האָט די מרס. סמיט געוואָלט עפּענען אַ קען בעבלעך און עס איז גאָר געווען קאָרן . . . אָנשטאָט טאָמעיטאָ־זופּ — האָט זי גאָר געעפנט א קען מערן . . . און אָנשטאָט אַ קען פּיטשעס — האָט זי גאָר געעפנט אַ קען מיט גרינעם פּאַרב . . . דערצו האָט געדאַרפט מר. סמיט, נאָך אַ טאָג שווערע אַרבעט, גיין מיט איר אַלע אָוונט אי־בער די קראָמען און העלפן שלעפּן די פרישע אָרדערס, וואָס זי האָט איינגעהאַנדלט.

גאָר אַ נייע פּראָבלעם איז געוואָרן פאַר דער מרס סמיט ווען זי האָט דערהערט, אַז די רעגירונג גייט „רעישאָנען" קוילן און אויל, און די לענדלאָרדס וועלן געבן ווייניקער הייסע וואַסער.

די מרס. סמיט האָט, אָבער, באַצייטנס געלייזט די פּראָבלעם. זי פלעגט אויפשטיין אינדערפרי און אָנפילן מיט הייסע וואַסער די וואַנע, דעם סינק, דעם וואַש־טאָפּ און גאַנץ אָפט אַלע טעפּלעך און פענדלעך.

איין פרימאָרגן האָט די מרס. סמיט דערזען אַן אַנאָנס אין איר צייטונג וועגן אַ גרויסן „סעיל" אין אַ „גראָסערי" אויף שפּייז־אַר־טיקלען. זי האָט א כאַפּ געטאָן דעם טייסטער מיטן געלט, פאַרגעסנ־דיק אײַנגאַנצן אין די אָפענע קראַנען פון וואַש־טאָפּ, סינק און וואַנע — און איז אַוועק ווידער אײַנקויפן „סטאָק" פאַר אַ רעגנדיקן טאָג...

און ענדלעך איז געקומען דער רעגנדיקער טאָג . . . ווען די מרס. סמיט איז אַרײַנגעקומען אין הויז, האָט זי געטראָפן אַ פאַר־פלייצונג. די פּאַפּירענע און הילצערנע קעסטלעך זיינען געשוואומען. צוקער, זאַלץ און מעל, פאַרווייקט אין בלאָטע. לאָקשן און מאַקאַראָ־נעס האָבן זיך געצויגן פון די פּאַפּירענע זעקלעך ווי שלאַנגען, און גרויפּן, רייז און אַרבעס האָבן אַרויסגעשיינט פונעם וואַסער ווי פּערע־לעך אויפן גרונט פון יאַם . . .

ווען אויף דעם נידעריקן שטאָק האָט געגומען אַרונטערקראָכן דער צעווייקטער „סילינג", האָט דער סופּערטענדענט פונעם הויז אַרונטערגערופן די מרס. סמיט און פּרובירט איר דערקלערן אויף זיין שפּראַך וואָס עס מיינט אַ „סילינג־פּרייז" . . . ער האָט איר פּאַשעט געהייסן באַצאָלן די פּלאַסטערערס און פּעינטערס פאַר דעם נייעם „סילינג" . . .

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען די מרס. סמיט האָט ווידער גענומען

סעם ליפצין

שלעפן איר מאַן, מר. סמיט, ער זאָל גיין איר העלפן שלעפן נייע אָרדערס מיט נייע פּעקלעך — האָט ער איר גוטמוטיק אַ זאָג געטאָן: ווייסטו, אַז הײַנט זײַנען מענער מיט אַלומינום צוגלייך . . . און אַז עס קאָן נאָך ווערן אויך אַ „רעיִשאָנינג" אויף מענער . . . פאָלג מיך, האָט ער זיך צעלאַכט, וואַרט ניט צו לאַנג, גרייט אויך אָן אַ מאַן אויף אַ רעגנדיקן טאָג, איך וועל מער קיין פּעקלעך דיר ניט טראָגן! . . .

מילכאָמע האָט שאָלעם געמאַכט

(פען-שטיפעריי)

אַמאָליקע יאָרן האָט אַ מענטש געקאָנט אָפּלעבן הונדערט יאָר און ניט וויסן ווי אַלט ער איז . . . אָבער הײַנטיקן יאָרן — שפּילן שוין יאָרן גאָר אַ גרויע ראָלע.

ס׳הייסט, אַמאָל האָט מען אויך געדאַרפט וויסן ווי אַלט מ׳איז, ווארים פּריזיווס, כאַסענע־האָבן און מילכאָמעס זיינען שוין ניט פון היינט.

פונדעסטוועגן זאָג איך אייך האָט מען אַמאָל ניט געוואוסט פון אַזוי פיל צעמישטע יאָרן.

מיין מאַמע האָט געהאַט אַכט קינדער. ווען זי וויל וויסן ווי אַלט זיי זיינען, פּרובירט זי זיך דערמאָנען אַ סימען פון דעם ערשטן קינד. דער סימען איז, אַז הערשל איז געבאָרן געוואָרן ווען מיר האָבן גע־האַט די שוואַרצע קו. די שוואַרצע קו האָבן מיר געקויפט ביי כאַים מוישען, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. אין אַמעריקע איז ער געפאָרן נאָכן גרויסן פייער און דאַן גיט זי אַ פרעג דעם טאַטן: זאַלמען, וויפיל יאָר איז שוין נאָך דעם פייער?

דער טאַטע זאָגט איר: 40 יאָר. גיט זי גלייך אַ רעכן, אַזוי ווי קינדער האָט זי געהאַט אַלע יאָר, איז הערשל 40 יאָר, שיינדל 39 יאָר, פריידל 38 יאָר, איציק 37 יאָר און אַזוי ווייטער און ווייטער.

הײַנטיקע צייטן לעבן מיר אָבער אין אַ צייט ווען אַ טאָג איז אַ טאָג און אַ איבעריקע שאָ — איז אָווערטאַים . . . ווייס מען טאַקע אַ סאַך מאָל ניט צי מ׳זאָל מאַכן פון אַ טאָג אַ יאָר אָדער פאַרקערט. ווארים איר זוייסט קיינמאָל ניט אויף וואָס איר וועט די יאָרן דאַרפן נוצן. אָט, צום ביישפּיל, ווילט איר זיך אַנשליסן אין דער אַרמיי, אָדער איר גייט זוכן אַרבעט, איז בעסער, אַז איר האָט „קורצע״ יאָרן. סע הייסט, אַביסעלע איינגער ווי איר זייט אַלט. ווילט איר, אָבער, ווערן אַ גענעראַל . . . אָדער קריגן אַלד-איידזש-פּענסיע, וואָלט איר שוין בעסער געוואָלן האָבן לאַנגע יאָרן, וואָס דאָס מיינט, שוין אַ זעכציקער מיט עפּעס.

איך זאָג דאָס אַלץ אַנטקעגן דעם ווי אַזוי מיסטער פיוויש האָט זיך פאַרפּוטעט מיט זיינע יאָרן. דעם עמעס געזאָגט, ווייסט ער

שוין גאָר גוט זייַנע יאָרן. ער איז שוין טאַקע היפּשלאַך אַלט, אַזוי אין די פופציקער. אָבער אַ קירץ געטאָן די יאָרן האָט ער זיך צוליב זיין יונג ווייַבל, איצט — איצט האַלט זי זייַנע יאָרן אין איין קירצן...

דער עמעס איז, אַז פּריער איז דאָס אים גאָר ניט אייַנגעפאַלן. וואָס אין לעבן קאָן זיך אַלץ אונטערשפּילן.

ווען ער, מיסטער פּיוויש, איז שוין אַלט געווען אַ פערציקער, איז די שייַנע בוכהאַלטערן אין זיין געשעפט אַלט געווען קוים צוואַנציק יאָר. טראַכט מיסטער פּיוויש, אַ שיין מיידל איז זי, אַ קאַפּאָרע מיט צען יאָר, האָט ער גענומען זייַנע איבעריקע צוואַנציג און געמאַכט פיפטי־פיפטי, צען אַרויף — צען אַראָפּ, איז ער געוואָרן דרייַסיק יאָר . . .

אַזוי האָבן זיך די יאָרן געקייקלט, אַלע צוויי און פופציק וואָכן איז געוואָרן אַ יאָר. און דעם „צענערל" האָט פּיוויש ניט גערירט פון אָרט . . .

איצט, אַז עס איז אונטערגעקומען דער „דרעפט" און מ'האָט גענומען רופן די יוגנט אין דער אַרמיי, איז אויך אייַנגעלאַדן געוואָרן מיסטער פּיוויש, און אַזוי ווי ער איז געזונט און שטאַרק, איז ער דורכגעלאָפן ווי אַ פייער־וואָגן . . .

מיסטער פּיוויש איז גראַדע געווען זייער צופרידן פון דעם, וואָס די צען קורצע יאָר האָבן אים ווידער אַ טובה געטאָן. וואָרים פונקט ווי פריער האָט דער „צענערל" אים געהאָלפן קריגן זיין יונג ווייַבל, אַזוי, האָט ער געטראַכט, וועט איצט דער צענערל מיט יאָרן העלפן אים פון איר פּאַטער ווערן. ווייל ווי זאָגט מען, האַרבסט און פריילינג איז ניט קיין צווילינג . . . דערצו איז מיסטער פּיוויש טאַקע אַ פּאַטריאָט, אַ פריינט פון לאַנד, האָט ער ביי זיך באַשלאָסן, ער וועט שוין קעמפן פאַר פרייהייט אין צווייען, פאַרן לאַנד — און פאַר זיך...

ווען מיסטער פּיוויש איז אַוועק אין דער אַרמיי האָט זיין יונג ווייַבל ערשט דערפילט ווי ביטער ס'איז צו זיין אַליין. ס'איז איר עפּעס געקומען אַ בענקשאַפט. מיסטער פּיוויש האָט איר געפעלט — ער זאָל איר צופירן מיטן אויטאָמאָביל צו אַ בינגאָ־גיים. ער זאָל גיין אויף אַ שפּאַציר מיטן הינטל. מיט איין וואָרט, זי האָט ניט געהאַט וואו זיך אַהינצוטאָן.

און אַז זי, מיסעס פּיוויש, האָט דערהערט דעם רוף פאַר פרויען אין דער אַרמיי, האָט זי זיך גלייַך אָנגעשלאָסן, ווייל אויך זי האָט ליב דאָס לאַנד און וויל העלפן.

ווייזט זיך אָבער אויס, אַז צייטנווייז פֿאַרט דער אויבערשטער אַזוי צוזאַמען, אַז דער מאַן אָדער די פֿרוי, איז אַזוי ווי אַ גאַז, וואו מ׳זאָל זיך ניט דרייען — שטייט זי שטענדיק פֿאַר די אויגן . . .

מיסטער פּיווויש איז איינמאָל פֿאַרוואונדעט געוואָרן און איז געבראַכט געוואָרן אין שפּיטאָל, און וואָס פֿרעגט איר — די ערשטע הילף וואָס ער האָט געקראָגן, איז געווען פֿון זיין אייגענער ווייב . . . וועלכע האָט געאַרבעט אין שפּיטאָל.

ווען ער האָט גענומען פֿילן בעסער, פֿרעגט אים די פֿרוי: נו, ווי גייט דאָס?

— עך, זאָגט ער, טעג לויפֿן ווי מינוטן, נו, און ווי גייט דאָס דיך?

— מיר, זאָגט זי, איז ביי מיין אַרבעט יעדער טאָג אַ יאָר.

— אויב אַזוי, האָט ער זיך צעלאַכט, האָבן מיר זיך ענדלאַך אויסגעגליכן מיט די יאָרן.

צו זיך האָט פּיווויש געלאַכט: אָפּגעשפּאַרט זיך אַ צענערל מיט יאָרן, אין מילכאָמע־צייט איז דאָס ווי געפֿונען . . .

ביידע האָבן זיך אַרומגענומען און געגעבן זיך די הענט: אַזוי גיך ווי ס׳וועט ווערן שאָלעם אויף דער וועלט, זאָל אויך ווערן ביי זיי — שאָלעם־באַיס!

דער וואָס לאַכט דער לעצטער...

(אַ קינדער־מייסעלע)

פון קינדווייז אָן האָט מאָטעלע פיינט וואַסער. וואַשן און באָדן זיך איז פאַר אים די גרעסטע שטראָף.

דערפאַר איז מאָטעלע געווען אויסער זיך פון פרייד ווען ער האָט געהערט אין הויז איבעררײדן, אַז די שטאָט־רעגירונג האָט געבעטן שפּאָרן וואַסער.

קומענדיק זומער אין קעמפּ, האָט ער גלייך געלאָזט וויסן זיין קאָונסילאָר, אַז ער פירט דורך דעם באַפעל פון דער שטאָט־רעגירונג און ער וועט שפּאָרן וואַסער . . . מיט וואַסער — האָט ער געשאָפן אַ ווערטל — וואַרפט מען זיך ניט . . .

נאָר ווי גיך עס האָט זיך צערעגנט דער גרויסער רעגן — מיט טראָפּנס ווי פּילקעס די גרויס — איז מאָטל אַרומגעגאַנגען פאַר־כמורעט, גרוי ווי די וואָלקנס אין הימל . . . מאָטל איז געוואָרן זייער באַזאָרגט, פאַרוואָס די נאַטור גיסט זיך אַזוי מיט וואַסער ווען ס'איז אַזוי נויטיק דאָס וואַסער צו שפּאָרן . . . ס'איז דאָך מילכאָמע־צייט.

ביז אַ האַלבע נאַכט איז מאָטעלע געלעגן און זיך צוגעהערט, ווי די טראָפּנס קלאַפּן אין דאַך פון דער באַנגעלאָ, און ס'איז אים געקראַכן טיף אין קאָפּ אַריין, ווי אַזוי דער קאָונסילער וועט שוין שרייען — מ'זאָל זיך וואַשן און רייבן די אויערן . . .

ענדלעך האָט מאָטעלע איינגעדרעמלט מיט אַ צעשפּילטער פאַנ־טאַזיע: פון די טראָפּנס זיינען געוואָרן גאַנצע טייכן, אַ שרעקלעכער שטורעם קערט וועלטן, די דונערס, בליצן און האָגל — רייסן אויף טיר און פענצטנער. אַלץ, אַלץ נעמט שווימען, עס שווימען שוין די טעפּלעך, פּענדלעך, די שול־ביכער, די וואַנע און ער, מאָטעלע אַליין, שווימט שוין אויך . . .

ער, מאָטעלע, מיט אַלע קינדערלעך האָבן אַזוי שווימענדיק גענומען טראַכטן, וואָס צו טאָן, וואו צו שווימען? מיט אַמאָל איז אַלעמען באַפאַלן אַ שרעק — ווילדע כאַיעס, שלאַנגען און אַ ריזיקער היפּאָפּאָטאַמוס האָט זיך מיט די כוואַליעס אַרויסגעכאַפּט ערגעץ פון אַ „זו" און גענומען שלינגען אַלץ, וואָס איז אים צום פּיסק געקומען. מיט זיינע גראָבע פיס און ריזיקער מאָרדע, האָט ער אַלץ אַזוי אויס־

געמישט אין וואַסער און ערד, אַז די וועלט האָט גענומען אויסזען ווי איין גרויסע בלאָטע.

די קליינע קינדערלעך האָבן גענומען שרייען, וויינען און בעטן: ראַטעוועט אונדז! ראַטעוועט אונדז!

צווישן די קינדערלעך האָט זיך געפונען דער קלוגער יאָסעלע, און ער האָט מיט זיין פּראַקטישן שכל גענומען באַרואיקן און אין דער זעלבער צייט אָרגאַניזירן אַלע, אַלע קינדערלעך.

— הערט קינדערלעך, — האָט ער זיי געזאָגט, — ווען ס'איז נויטיק קערט איבער אַלע טישן, נעמט מולטערס — און מאַכט שיפן, פון די קאָך־לעפל — וויאָסלעס, און לאָזט זיך אַרויס ראַטע־ווען אַלע, וועלכע שווימען צווישן לעבן און טויט . . .

יאָסעלע האָט זיך אויך גלייך צונויפגערעדט מיט נאָך צוויי קלוגע אינגלעך, דאָווידל און וועלוול. און אַלע דריי צוזאַמען האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן וואָס צו טאָן.

— הערט אויס, יאָטן, — האָט יאָסל מיט זיי איינגעטיינעט, — דער היפּאָפּאָטאַמוס האָט זיך פאַרמאָסטן אַלץ איינצושלינגען. מיר מוזן ראַטעווען אַלץ און אַלעמען, וועמען ס'איז ליב דאָס לעבן און האָט אַ רעכט צו לעבן. געדענקט: דער כאַזער וועט זיין אַ כאַזער אַזוי לאַנג ווי מ'וועט אים לאָזן ריען . . .

און דאָ האָט יאָסעלע אָנגעוויזן אַלע קינדערלעך: וועלוול האָט אַ גוט־געלערנטן לייב, דאָווידל האָט אַ קלוגן און פלינקן אָדלער, און איך האָב אַ שטאַרקן און ריזיקן בער. אין דער צייט וואָס דער היפּאָפּאָטאַמאָס שווימט און איז פאַרנומען מיטן שנוק אין פרעסן און מאַכן אַלץ צו בלאָטע, זאָל דער לייב אים אַ נעם טאָן פאַרן עק, מיין בער וועט אים אַ כאַפּ טאָן פאַר כאַזערשן אויער און דאָווידלס אָדלער זאָל אים אַריינשניידן מיטן שנאָבל אין רוקן.

אַזוי האָבן אַלע קינדערלעך צוזאַמען מיטן אָדלער, לייב און בער זיך אַ נעם געטאָן און מ'האָט דעם היפּאָפּאָטאַמוס גענומען דערלאַנגען פון אַלע זייטן ביז ער איז דערטרונקען געוואָרן אין זיין אייגענער בלאָטע . . .

ווי גיך די וואָלקנס זיינען זיך צעגאַנגען, די זון האָט אַרויס־געשיינט, די וואַסערן זיינען אָפּגערונען אין די טייכן, האָבן די קינ־דערלעך גענומען צוקומען צו זייערע היימען.

זיי האָבן געטראָפן אַ סך פון זייערע שפּילצייגן צעשטערט,

צעבראָכן, דאָך האָבן זיי געטאַנצט אין די גאַסן, ווייל — אינמיטן מאַרק איז געלעגן דער היפּאָפּאָטאַמוס איבערגעקערט, לעבן אים האָבן זיך געוואַלגערט צעפּוילטע פּיס, אויערן, אויגן און אַ גרויסער שנוק, וואָס האָט זיך שוין געלאָזט „הערן״ . . .

יאָסעלע, וועלכער האָט פריילעך געטאַנצט אין דעם קאַראַהאָד מיט אַלע קינדערלעך, האָט גלייך זיך צוזאַמענגערעדט מיט דאָווידלען און וועלוולען, און דערנאָך זיך געווענדט צו די קינדערלעך: הערט קינדערלעך: נאָך דעם וואַסער איז נויטיק פייער! מיר מוזן טריקענען, אויסרויכערן יעדן זייכער פון דעם היפּאָפּאָטאַמוס.

די קינדערלעך האָבן גלייך צונויפגעטראָגן אַ סך האָלץ און עס איז געמאַכט געוואָרן אַ גרויסער קעמפּ־פייער. זיי האָבן געטאַנצט און געזונגען אַרום דעם פייער און דער היפּאָפּאָטאַמוס איז אַוועק מיטן רויך.

אַלע האָבן האַרציק געלאַכט, דערמאָנענדיק נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל די מייסעלעך, וואָס יאָסעלע האָט זיי דערציילט נאָך פאַרנדיק אויפן וואַסער אין מולטער: „דער וואָס לאַכט צום לעצטן, לאַכט צום בעסטן״ . . .

ווען מאַטעלע האָט זיך געשמאַק צעלאַכט אינמיטן פון זיין שלאָף, האָט דער קאָנסילאַר אים אויפגעוועקט: מאַטעלע, מאַטעלע, שטיי אויף! שפּאָר נישט קיין וואַסער, וואָס זיך גוט אַרום, די אויערלעך אויך! פאַראַן גענוג וואַסער, זשאַלעווע ניט! . . .

אַנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט

(מ אָ נ אָ ל אָ ג)

ווי איר זאָלט ניט טייטשן, מוזט איר צוגעבן, אַז אַ סאַך שלעכ־טע זאַכן האָבן אויך זייערע גוטע זייטן.

אָט, צום ביישפּיל, זיינען מילכאָמעס ביכלאַל גענומען, ניט פון די געוואַלדאָוונע באַליבטע זאַכן, וואָרים כוץ לעבנס, געזונט, געלט — איז דאָס גלאַט אַן איבּיען, וואָס מ'וואָלט זיכער געקאָנט לעבן אָן דעם . . .

פונדעסטוועגן האָב איך זיך דערטראַכט, אַז ניט נאָר טוט די איצטיקע מילכאָמע עפּעס אויף פאַר דער מענטשהייט, נאָר אַביסל פריקהייט געניסט מען שוין טאָקע היינט צו טאָג.

איך ווייס ניט ווי איך, נאָר מיך הייבט ניט אָן צו אַרן די שפּאָרזאַמקייט אויף צוקער, וואָרים וויסן זאָלט איר, אַז ניט אַלע זיסע זאַכן מאַכן זיס דאָס לעבן . . .

ווען איך טראַכט, ווי די צוקער־קרענק פאַרביטערט דאָס לעבן, גיט קאָפּ־דרייעניש, מיט אינסולין, מיט נאָדלען, מיט ווייטיקן אין די פיס און אין אַנדערע גלידער, זאָג איך נאָכאַמאָל, ס'איז גאָר־ניט אַזוי ביטער די צוקער־פראַגע.

נו, און ווענן קאָפּע זאָלן זיך זאָרגן די קאַוויאַרנעס, פאַר זיי איז דאָס אַ שאָדן, וואָרים ווי איר קוקט מיר אָן, פאַרלירן זיי מיך איצט — אַ קאָסטאָמער אויף צען גלאָז קאָפּע אַ טאָג. (איך טרינק נאָר פון אַ גלאָז, ס'איז הייסער און די הויפּט־זאַך, ס'איז באַלד צוויי מאָל אַזויפיל ווי אין אַ טעפּל), אָבער איך און מיינע מיטטרינקער וועלן דערביי ניט נאָר ניט פאַרלירן — נאָר עפּעס טאָקע געווינען. אַ כוץ די ניקלס (אויף די ניקלס ניט נאָר פון מיין אייגענעם טריב־קען, נאָר אויך פון מיינע שטענדיקע קאָסטימער, וואָס וואַרטן שוין אויף מיר ביים טישל).

איצט וועט זיין גאַנץ פּאַטריאָטיש פון מיין זייט, ווען איך וועל זיי זאָגן: ביסט אַ פּאַטריאָט? זיי אַ מענטש און טרינק סינק־וואַסער. דערצו, פאַרשטייט זיך, וועל איך איצט שפּאָרן דאָס ביסל געזונט, ניט זיין שטענדיק „נערוועז" . . . דערביי אויך אַביסל צייט, וואָרים גאַנץ אָפט קומט אויס צו זיצן ביי אַ טעפּעלע — אַנטשולדיקט,

גלאָז קאַפּע — און פראָוען אַ סערע־נודע . . . און יאָ, גאָר צופרידן וועלן זיין די פרויען, די מענער וועלן זיך ניט סערענודן אין די קאַוויאַרנעס, נאָר קומען אין צייט אַהיים און טרינקען א היימיש געמאַכטן גלעזל ציקאָריע, איז ניט קיין ציקאָריע איז גלאַט אַ גלעזל וואַרימס . . .

נו, טראַכט איר זיך, מילא, אָן צוקער און קאַפּע קאָן מען לעבן, אָבער אָן אַ מאַשין, אָן געז, אָן גוטע אַנגעבלאָזענע, פּוכקע טאַיערס, אָן דעם קאָן מען אָבער ווייט ניט פאָרן . . . זאָג איך, אַז גראָדע דאָס איז מיין לעצטע דאַיגע. איך טראַכט בלויז, ווי ווערט מען פּאַטער פון דעם „רעזוירוו” געז, וואָס האָט זיך אַנגעקליבן אין מאָגן, און ווי מאַכט מען עפּעס „אַ בלעקאַוט”, אַז עס זאָל ניט ברענען אונטערן האַרצן און ניט מאַכן ליכטיק אין בויך. אָבער ווייטער אַרט מיך ניט.

מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז גאָר א שטיקל טויווע פאַר דער מענטשהייט, שוין ניט־רעדנדיק וועגן דעם, אַז עס וועלן פאָרן וויי־ניקער מאַשינען, וועט מען איבערפאָרן וויניקער מענטשן און מ'וועט קאָנען דורכגיין טאַימס־סקווער מיט אַ האָפענונג צו בלייבן לעבן . . . עס וועט איצט אויך וויניקער זיין קריגערייען צווישן מאַן און פרוי, וואָרים איינער פון זיי איז דאָך אַלע מאָל אַ בעק־סיט דראַיווער, און דער דראַיווער וויל זיך פאָרן זיין וועג . . .

די הויפּט־זאַך איז אָבער טאַקע דאָס, וואָס קיין געז וועט ניט זיין. וואָרים פאַר מיין נאָז איז געווען, אַז איין מאַשין גיט אַ לאָז אַרויס די געז, דערפיל איך גלייך ווי אַ נאַצי וואָלט דורכגעגאַנגען די גאַס. איצט שטעלט אייך פאָר, אַז אַזויפיל מאַשינען נעמען לאָזן די געז איבער די גאַסן, זאָג איך אייך, זאָל די רעגירונג נוצן די געז געזונטערהייט, און זאָל דער נאַצי־רייעך סאַמען היטלערן. און נאָך דער מילכאָמע, מיילע, אַז מירן מוזן ליידן פון די אויטאָמאָבילן מיט די געז, איז פאַרפאַלן — אַלץ איבאַיינעם איז ביטאַ ביי קיינעם.

און אַז איר גיט שוין צו, אַז איך בין אַביסל גערעכט, נאָר וואָס דען, דער „סילינג” שמילינג, איז ניט גוט פאַר ביזנעס, איז ווי־דער דאָס אייגענע. ס'איז שלעכט אַ דאָך אויפן קאָפּ, אָבער א דאָך איבערן קאָפּ — איז גאָרניט שלעכט . . . מ'דאַרף בלויז זען, אַז די קוימענס איבערן דאָך זאָלן רויכערן ניט נאָר איצטער — נאָר אַלע־מאָל. איר פאַרשטייט?

און סאַך־האַקל זאָג איך אייך, אַז אַפילו דער „בלעקאַוט” איז

ניט אַזוי פּינצטער ווי ער זעט אויס . . . אָט זײַנען מיר אנומעלטן געזעסן אין אַ הויז אין צייט פון בלעקאַוט, און אין גרויס פינצ־טערניש האָט איינער, אָנשטאָט א קוש טאָן זיין קינד — א קוש געטאָן זיין אייגן ווייב. זי האָט גלייך אים אַ פרעג געטאָן: ווען איז ווידער אַ „בלעקאַוט”? אַזוי אויך ביי די ברעגן פון יאַם, וואו פאַרליבטע פּאָרלעך זײַנען ביז איצט פאַרפינצטערט געוואָרן פון די שרייענדיקע לאָמפּן, וואָס האָט זיי ניט געגעבן קיין ביסל רו, איצט —אַ דאַנק די „בלעקאוטס”, איז פאַר זיי אַ ליכטיקע וועלט . . .

יאָ, ווי איר זאָלט ניט טאַיִנען, זײַנען די אַלע זאַכן, וואָס עס פעלן און וועלן פעלן — גאָרניט אזא אומגליק. די הויפּט־זאַך: מוט און אנטשלאָסנהייט זאָל ניט פעלן. דאַגעגן היטלער און היטלעריזם זאָל יאָ פעלן — און זאָל דער קרענקען, וואָס וועט נאָך זיי בענקען!

געוואַלד, מײַנע קאַרטלעך!

(מאָנאָלאָג)

מ׳זאָגט, אַז אין יעדן ׳טרויער איז אויך פֿאַראַן וויץ, און גלייבט מיר, אַז איך וואָלט גוט געלאַכט פֿון דער טרויעריקער מייסע, וואָס איך ׳גיי אייך ׳דערציילן, נאָר ווידער דאָס אייגענע — ווי זאָגט מען: ווען ס׳איז ניט מיין נאַר, וואָלט איך אויך געלאַכט, און איצט שטעלט אייך פֿאָר, אַז איך אַליין בין דאָס ׳דער נאַר, און אויב איך בין ניט קיין צו גרויסער נאַר, בין איך אָבער דערפֿאַר אַ גאַר גרויסער שלימזאַלניק . . .

ווי איר ווייסט, אָדער ווי איר ׳פֿילט, איז איצט מילכאָמע־צייט, און די מילכאָמע־צייט וועלן געוויס די קלוגע מענטשן באַצייכענען: „די צייט פֿון קאַרטלעך״, ווייל אָן אַ קאַרטל קענט איר זיך ניט אַ ריר טאָן פֿון אָרט. איז, ווי איר קוקט מיך אָן בין איך איינער צווישן די מיליאָנען באַקאַרטלטע מענטשן . . .

אַט אַזוי האָב איך געקראָגן אַ קאַרטל צו קאָנען אַלע מאָל ווייזן שוואַרץ אויף ווייס ווי אַלט איך בין, דעם קאָליר פֿון מיינע אויגן, האָר, און די הויפּט־זאַך — צי קאָן איך נאָך עפּעס אויפֿטאָן פֿאַר דער מענטשהייט. צווייטנס, האָב איך געקראָגן אַ קאַרטל, וואָס דאַרף מיר פֿאַרזיכן דאָס לעבן, ס׳הייסט, אַ קאַרטל אויף וועלכן מען קאָן קריגן צוקער. דערנאָך איז מיר אונטערגעקומען אַ קאַרטל אויף „טאַיערס״, מיט אַ קאַרטל אויף גאַזאָלין.

פֿון פֿריער האָב איך אַ קאַרטל פֿאַר אָנעמפּלאָימענט אינשורענס, אויך אַ קאַרטל פֿאַר האָספּיטאַליזאַציע און ווי געוויינלעך, אַ קאַרטל פֿון דער יוניאָן, אַז איך בין אַ גוט־שטייענדיקער מיטגליד, און וועלפֿער־קולעם אַ קאַרטל פֿון דער אויטאָמאָביל־קאָמפּאַני, וואו איך האָב געקויפֿט מיין סעקאָנד־הענטיקע טאַרעדייקע.

ווי איר פֿאַרשטייט, האָב איך געקויפֿט די טאַרעדייקע ניט פֿון פֿאַרגעניגן וועגן, נאָר פּאַשעט. מ׳זאָגט: אַ פּרעסער פֿילט ניט מער קיין וויטיקן אין די פֿיס — נאָך פֿינף און דרייסיק יאָר אַרבעטן . . . און ס׳איז עמעס, ווייל קלעצער קאָנען שוין מער ניט ווי טאָן . . . אָבער פֿירן די קלעצער מוז מען. איז אָבער די מייסע אַזוי: פּונקט ווי איך קאָן שוין ניט דינען פֿאַר אַ סאָלדאַט, אַזוי דינען שוין ניט

די פּיס מיינע — צו גיין, און די אויגן — צום זען.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איך לייד לעצטנס גאָר שטאַרק פון מיינע אויגן, — אָדער איך זע גאָרניט, אָדער די בוכשטאַבן טאַנצן אין דרייען . . .

אַזוי איין טאָג האָב איך זיך „פּאַרפּוטעט" מיט מיינע קאַרטלעך, אַז איך בין אַוועק קריגן געזאָלין מיט מיין צוקער־קאַרטל . . . און פּאַר אַנעמפּלאָימענט אינשורענס האָב איך זיי געגעבן מיין יוניאָן־קאַרטל . . .

נו, איז וואָס זאָגט מען: אַז ס'ווערט שלעכט, געפינט זיך אַן אייצע. האָב איך מיר אויסגעאַרבעט אַזוי אַ גאַנצע סיסטעם — אַ קאַרט־סיסטעם . . .

דאָס צוקער־קאַרטל — אין דער רעכטער קעשענע אין ראָק, דאָס געזאָלין־קאַרטל — אין דער לינקער קעשענע. אין דער בוזים־קעשענע — דאָס יוניאָן־קאַרטל. אין דער רעכטער הויזן־קעשענע — דאָס אַנעמפּלאָימענט אינשורענס קאַרטל. אין דער לינקער קעשענע — דאָס קאַרטל פון דער מאַשין־קאָמפּאַני. מיט איין וואָרט, ס'איז געוואָרן אַן אָפּיס אויף צוויי פּיס — איך מיין אויף צוויי קלעצער . . .

איינמאָל אַ פּרייטיק, האָט מיין אידענע דערזען מיך אַרונטער־נעמען מיין ביסל וואָכעדיקייט פון זיך און זי האָט שוין געוואָרט אויף מיין אַלטן סוט צו נעמען אים אין קליגינג סטאָר — ווי אַ כעוורע־קאַדישע מאַן אויף אַ טויטן . . .

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, אַ יאָ איר לאַכט שוין, איך וואָלט אויך געלאַכט, נאָר — ווען איך וואָלט ניט זיין דער קאָרבן — מ'האָט מיין ראָק, וועסט און הויזן אַזוי „אויסגעקלינט", אַז זיי זייגען גאָר ביירהייט אַזוי ריין ניט געווען . . .

מאָנטיק פרי, איך טו מיר אָן מיין „אויסגעקלינטן" סוט און אַרבעט מיר אויס אין געדאַנק אַזאַ פּלאַן פאַר מיין טאָג ארבעט. די ערשטע זאַך וועל איך מיר אָנגיסן געזאָלין, דאַן פאָרן זיך פאַר־שרייבן פאַר ארבעט אָדער אינשורענס. פון דאָרט פאָר איך מיר צו אין האָספּיטאַל צו זען וואָס מ'קאָן מיר טאָן פאַר די אויגן . . . און אַז איך וועל האָבן אויגן, וועל איך שוין זען וואָס ווייטער צו טאָן...

ווי שטענדיק שלעפּט איך מיר צו מיין קאַטערינקע צום געזאָלין־סטעישאָן און ווי שטענדיק איז שוין געשטאַנען דער קלוירק מיט

דעם גומעגעם קישקעלע אין האַנט און גיט אַזוי אַ פרעג: איר האָט דאָס געזאַלין־קאַרטל?

איך גיב זיך אַ כאַפּ, ווי מיין אָפּמאַך מיט זיך אַליין, צו מיין לינקער קעשענע אין ראָק — אַ כורבן, ניטאָ קיין קאַרטל, ניטאָ קיין געזאַלין. ווייש איך מיר אָפּ דאָס פּאַנים פון שאַנדע און מיט מיינע רומאַטיזירטע הענט נעם איך שוין שטופּן די קאַר אָף צוריק, אין גאַראַדזש אַריין. אינסטינקטיוו גיב איך זיך דערוויל אויך אַ כאַפּ צו דער צווייטער קעשענע, אָבער — אָן אומגליק! ס'איז מיר צע־פלאַכטן געוואָרן מיין גאַנצע קאַרטל־סיסטעם . . . ליידיקע קעשענעס — ווי דער טייסטער אין סלעק־סעזאָן . . .

איך קריך מיר שוין אַוועק אויף מיינע קלעצער אין קליניבג־סטאָר און פרעג אים: איר האָט עפּשער עפּעס געפונען אין מיין סוט?

— ס'הייסט — שפּאַסט דער לעצוואַטער קלינער — זאָל דאָס היטלער האָבן אין מויעך, דעם „גאַרבעדזש", וואָס ס'איז געווען אין אייער סוט. נאָר פאַרלאָזט זיך אויף אונדזער „סאַניטעישאָן־דע־פּאַרטמענט", יענע מאַשינקעלע, ווען ס'קומט עפּעס אריין אין איר פּיסק אונטער דער סטים און בענזין, ברענט דאָס, בראָט און ריי־ניקט אַזוי אויס, אַז עס בלייבט ניט קיין דוך . . . צייטנווייז, זאָג איך אייך, דאַנק איך גאָט, אַז ס'קומט נאָך אַרויס דאָס שטיקל סוט אַ גאַנצער . . .

ווער איך שוין אַביסל אויפגערעגט און זאָג אים:

— מענטש וואָס איר זייט, איר לאַכט און מיר גיסט זיך בלוט פון די אויגן. איר ווייסט דען וואָס ס'איז געלעגן דאָ אין מיינע קעשענעס? ס'איז מיר דאָך דאָ פאַרלאָרן געגאַנגען אַן אויצער, אַלע מיינע קאַרטלעך אויף צוקער, געזאַלין, טאַיערס, ארבעט־קאַרטל, אַלץ, אַלץ איז דאָ מיר „אויסגעקלינט" געוואָרן ביי אייך, איר האָט מיר „אויסגערייניקט" — ווי אַ „ריינער אַריער" אַ אידישע שטוב . . .

— זאָרגט אייך ניט — האָט דער סטאָרקיפּער זיך גוטמוטיק צעלאַכט. — אייער ווייב, אייער ווייב האָט אַלע קאַרטלעך, זי האָט אַרויסגענומען צו ווייזן און פרעגן די קינדער, מיט וועמען איר פירט דאָס אַזאַ קאָרעספּאָנדענץ . . . וואָס די קעשענעס זיינען פול מיט פאַרשריבענע קאַרטלעך . . .

און אָונט, ווען מיין אידענע האָט מיר איבערגעגעבן די קאַרט־לעך, האָט זי זיך האַרציק צעלאַכט:

— די קאַרטלעך, וואָס דו האָסט פון דיינע געליבטע, זייַנען אויך מיינע געליבטע — האָט זי געזאָגט. פאַרגעס נאָר ניט מאָרגן צו בעטן אַן עקסטרע פונט צוקער, איך האָב געקויפט סטראָבעריס, וויל איך מאַכן דזשעלי.

געזעגנט, ווי זאָגט איר, האַלעוואַי זאָל מען לעבן און דאַרפן!

נאָר פונדעסטוועגן, זאָגט מיר, איך בעט אייך, איר האַלט אייערע קאַרטלעך ביי זיך צי אין אַ קאַסע-קאַסטן? איך האָב ליב זיך צו לערנען אַפילו פון נאַרישערע מענטשן פון מיר, אויך!

אַן פלייש

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ פרוי אין אַ בוטשער-סטאָר)

ווי איר זעט, איז טאַקע דער פופיק דער מיטן פון דער וועלט, וואָרים אַלץ דרייט זיך אַרום דעם מאָגן. די קישקע — דאָס איז דער טעלעגראַף וואָס האַלט אין איין קלאַפּן: עסן, עסן, עסן.

אָט נעמט טאַקע דעם גאַנצן טומל אַרום דעם מילכיקן דינסטיק, ס׳הייסט איין טאָג אַן פלייש, איז פון דעם פּרעזידענט ביזן דזשעניטאָר, האַלטן אַלע אין איין רעדן וועגן דעם, פונקט ווי מ׳וואָלט געדאַרפט שיסן די יאַפּאַנאַציס מיט פלייש-קוילן, און, כאַלילע, אַז מ׳וועט ניט עסן קיין פלייש, וועט מען ניט לעבן? אָט עסט אַ פערד ניט קיין פלייש, קאָן ער קיין פערד ניט זיין און שלעפּן א וואָגן?..

איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן פאַר זאָגן דאָס, ווייל נאָכאַלעמען בין איך דאָך ניט קיין פילאָזאָפקע, אָבער איך דענק, אַז ניט נאָר דאָס פלייש, נאָר דאָס גאַנצע עסן איז אַזאַ געוואוינהייט, אַן איינגערעדטע קרענק, וואָרים גלייך ווי אַ מענטש ווערט געבאָרן, עפנט די אויגן, גיט מען אים אַ שטופּ אַריין די ברוסט אין מויל און דערנאָך, פאַרשטייט זיך, איז שוין שווער צו אַנטוויינען. מ׳דאַרף שוין דאָס קינד סטראַשען און די ברוסט שמירן מיט דזשעגאַכץ און דאָס קינד וויינט: עסן,עסן און עסן.

מיר דאַכט זיך, אַז ווען מ׳גיט אַזוי אַ באַשמיר מיט דזשעגעכץ דעם סטייק, דעם לעם-טשאַפּ, דעם קאַרנביף און טאַקע אַלץ צוואָוואָס אַ מענטש רייסט זיך עסן, וואָלט ער זיך מיט דער צייט אַנטוויינט...

דער מאַגן וואָלט געווען ריין, די קאָפּ קלאָר און דער גראַסערי־ביל ווייס — אַן כּויוועס . . .

איז אָבער די צאָרע וואָס מענטשן האָבן זיך צוגעוואוינט צו עסן און אָנשטאָט מיט דזשעגעכץ — שמירט מען דאָס עסן מיט געווירצן, און מ׳מאַכט דאָס מיט ציבעלקעס, מיט פעפער, מיט לאָר־בער־בלעטלעך, און מ׳וויקלט דאָס און מ׳באַקט דאָס און מען בראָט דאָס, עס האָט טויזנט טאָאַמען, עס גיט אַ ריס די נאָז און גיי עס ניט! דער סאָף איז — מ׳עסט ניט, נאָר — מ׳פרעסט . . .

גיט אויף טשיקאַוועס אַ רעכן אויס וואָס מענטשן האָבן אַלץ אויסגעטראַכט צו מאַכן פון פליש, פון אַ פּראָסט פּאַשעטע בעהיימע, אָדער אַ נאַרישע הון. סטייק, און ניט איין סאָרט, נאָר פאַרשיידענע סאָרטן סטייק. דאַן קומט לעם־טשאַפּס, קראַשעטצע, געקאַכטע, גע־באַקטע און געפּרעגלטע. דאַן קומט: צינגלעך, לונגלעך, לעבערלעך, פּופּיקלעך, און אַ געפילטע העלדזל, אַ שטיקל קישקע, צימעס־פליש און געהאַקטע לעבער מיט גריוון, פריקיזי, פּעטשאַ, קאַלטע, הייסע, זיסע, זויערע, און טאָמער בלייבט דאָס אויף מאָרגן, קריגט דאָס אַן אַנדער נאָמען און אַן אַנדער טאָאַם און ס׳איז ווידער צום קייען. היינט איז דאָס זופּן־פליש, מאָרגן איז דאָס — גולאַש, און איבער־מאָרגן איז דאָס געהאַקטע, דערנאָך ווערט דאָס האַמבורגער, און ווער ווייס וואָס נאָך מ׳מאַכט פון דעם. דער סאָף איז — מ׳עסט דאָס אויף און מ׳לעקט אויס די טעלער . . .

איר מיינט ס׳איז אַ וואונדער וואָס מענטשן גייען אַרום מיט קראַנקע מאָגנס, מיט אַלסערס און מיט קראַמפּן? איך זאָג אייך, ווען דער מאָגן זאָל זיין פון מאַרבל־שטיין, וואָלט מען אים אויך אויס־געריבן . . . וואָרים אַזוי זייַנען שוין מענטשן: פריער פאַרשטאָפּט מען אים און דערנאָך וויל מען אים — עפּענען. אַזוי ווערט אַ קאַמף צווישן סטייק און ביטער־זאַלץ, צווישן לעם־טשאָפּ און מאַגאַ־נעזי, צווישן דער טשיקן און עקס־לאַקס, און גאַנץ אָפט צווישן דער בעהיימע מיט דעם קלעסטיר. איך זאָג אייך טאַקע, נאָר אַן אַנטי־סעמיט קאָן איך ווינטשן ער זאָל דורכמאַכן וואָס דער מאָגן מאַכט דורך . . .

און איר מיינט נאָר צו פליישיקס האָט מען אַזאַ אַפּעטיט? זאָל מען מאָרגן אייַנפירן אַ טאָג אָן מילכיקס און עס וועט זיין הימל עפן זיך! וואָרים וואָס מ׳קאָן אַלץ מאַכן פון מילך ווייסט איר דאָך,

און טאָמער ווייסט איר ניט, טאָ גיט, זייט מוחל, אַ פרעג ביי „טעור־יע דעם מילכיקן״, וועט ער אייך זאָגן.

פאַראַן מענטשן וואָס וועלן פאַר אַ הייסע בלינצע, אַ קניש מיט קעז, אַ פּוטער ראָגאַלקע, אָדער אַ קעז־בייגל ניט שלאָפן נעכט — ס׳הייסט, נאָכדעם ווי זיי עסן זיך אָן . . .

און אַז אַפילו אַז איר וועט שוין נעמען די גאָר פיינע מענטשן, אָט־די וואָס רעדן וועגן עסן מיט אַ ראָכמאָנעס־פּאָנים — איך מיין די וועגעטאַרניקעס, זאָל גאָר צו דעם ניט קומען.

אַ נו, פּרובירט איינפירן א גרינסלאָזן טאָג. יענע וועלן פאַר א גרינער אוגערקע, אַ קעפּל קרויט, ספינאַטש, אָדער א רעטעך — גיין ביז בלוט . . .

הייגט די נעמען וואָס מ׳האָט דאָס אַלץ פאַרטראַכט: באָטעס, פּראָטעס, וויטאַמינען; ווער קען דאָס אַלץ פאַרגעדענקען, וואָס עס טוט זיך אין זייער גאָרטן . . .

איר הערט? אַ סאַך מאָל טראַכט איך, אַז טאַקע עמעס, מיר גיבן צאָרעס דעם מאָגן, אָבער ער שאַנעוועט אונדז אויך ניט. און ווען ניט דער מאָגן וואָלט אונדז זיין אַ סאַך גרינגער צו לעבן אויף דער וועלט . . . וואָרים ער, דער מאָגן, איז דאָך דער גרעסטער אימפּעריאַליסט — שטענדיק זוכט ער נאָר צו שלינגען . . .

זעט נאָר, איך האָב זיך אַזוי פאַררעדט, ווי איך וואָלט גאָר ניט געהאַט קיין מאָן מיט זיבן פּרעסערס אויף מיין קאָפּ. איך וועל אייך זאָגן דעם עמעס, אָט־אַזוי שטייענדיק כאַלעשט שוין מיר אליין אויף דאָס האַרץ . . .

וואָס זאָגט איר, טאָקע ניטאָ הייגט קיין פליייש? נו, מיילע, ווי זאָגט מען: מילכאָמע איז מילכאָמע, אין אַן אייס־צאָרע געפינט זיך אַן אייצע. ניטאָ קיין פליייש? — וועלן מיר עסן טשיקן! . . . זעט, איר האָט עפשער אַזוי אַ פּוכקע קאַטשקעלע? יאָ?! פיין! וועלן מיר טאָקע האָבן דעם עמעסן „מילכיקן דינסטיק״ . . .

דער ערשטער מאַי וועט קומען!

(דערציילונג)

ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען דער יונגער שעפּטל האָט זיך אַרויסגעגאַנווערט פונעם הויז צו זען אַ ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציע.

דער טאַטע, מוישקע דער שניידער, אַן אַלטער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט, האָט געוואוסט וואָס עס מיינט קריגן אַ שניט פון אַ קאָזאַק מיט דער נאַגייקע איבערן קאָפּ. דעם ערשטן מאַי, ווי נײַ־יאָר, פלעגט ער האַלטן די קינדער ווי אויף קייטן אינעם הויז.

שעפּטל איז שוין דאַן אַלט געווען עלף יאָר. אָף דער אַרבעטער־בירזשע האָט זיך געטומלט וועגן ערשטן מאַי, און מיט די אַרבעטער איז שעפּטל שוין געווען אויסגעבונדן, ווייל אויך ער האָט זיך שוין געלערנט פאַר אַ שניידער.

ער האָט געהערט אַזעלכע שיינע רייד וועגן ערשטן מאַי, אַז וואָכן פריער איז ער שוין ניט געשלאָפן . . . ווען יאַנקעלע שלאָסער האָט גענומען שילדערן די באַדייטונג פון דעם אַרבעטער־יאָנטעוו, די העלדנטאַטן פון מאַרטירער אינעם קאַמף פאַר דער רויטער פאָן, וועגן די צילן און לאָזונגען פון די פּלאַקאַטן, דאָס אַלץ האָט אָנגעצונדן שעפּטל'ס פאַנטאַזיע. יעדער טאָג ביזן ערשטן מאַי איז געוואָרן פאַר אים אַ יאָר.

דעם ערשטן מאַי פאַרטאָג איז שוין שעפּטל געלעגן מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, טראַכטנדיק וואָס צו טאָן, ווי אַרויסצוקריגן זיך אין גאָס.

דער טאַטע, ווי אַלע טאָג, איז אויפגעשטאַנען פרי, גענומען טאַלעס־און־טפילין און איז אַוועק צום מיניען. שעפּטל איז שוין אָבער ניט געבליבן אַ מינוט לענגער אויפן שלאָפבאַנק. ער האָט גיך געהאַנדלט. אויב ניט איצט, בלייבט ער שוין איינגעשלאָסן פאַרן טאָג אין הויז. ווי אַלע טאָג האָט ער געהאָלפן דער מאַמען אַרויס־טראָגן צום שטאָל דעם צעבער מיטן עסן פאַר דער בעהיימע, צוריק איז שוין אָבער שעפּטל ניט אַריין אין הויז.

ווי פייל פון בויגן איז שעפּטל געפלויגן צו דער בירזשע, טרעפן די עלטערע אַרבעטער „דורכשמעקן" וואו און וואָס עס וועט זיין פאַר אים צו זען די אינטערעסאַנטסטע און געוואַגטסטע פאַסירונג

פונעם ערשטן מאַי.

אויף דער בירזשע האָט ער אָבער געטראָפן זייער ווינציק מענטשן, און די מערסטע אַזעלכע, וועמען ער האָט גאָרניט געקענט. גאָר מאָדנע האָבן אין זיינע אויגן אויסגעקוקט די פּאָליציאַנטן, וועל־כע זיינען דאָס מאָל געווען גאָר אַ סך אין צאָל און גאָר אַנדערש אָנגעטאָן . . .

דער יונגער נאַאיווער אינגל האָט שוין גענומען טראַכטן וועגן לויפן און זיך צוריק אַריינגאַנוועגען אין שטוב. ער האָט עפּעס גע־פילט ווי אָפּגענאַרט. און לויפנדיק צוריק אַהיים, איז ער געלאָפן דורך אַנדערע גאַסן. זיינע אויגן האָבן געזוכט, עפּעס געזוכט . . .

אינמיטן פונעם לויפן האָט ער דערהערט גערזאַנג, טומל, געשרייען. אינסטינקטיוו האָט ער זיך אָפּגעשטעלט מיט בײדע אויערן אין דער לופטן. די קלאַנגען האָבן אים ניט אָפּגענאַרט. ווי אַ יונגער הירש האָט ער זיך גענומען טראָגן אויף זיינע פלינקע פיסלעך אין דער ריכטונג פון די קלאַנגען.

שעפטל האָט באַלד דערזען אַ בילד פאַר זיינע אויגן, וואָס זיינען געוואָרן אָנגעפילט מיט שרעק און מיט פרייד. ווי צו זיך, האָט ער אויסגעשריגן: אַי, ס'איז דאָך שענער ווי יאַנקעלע שלאָסער האָט געזאָגט. זיינע אויגן האָבן גענומען לויפן פון פלאקאט צו פלאַקאַט, פון פאָן צו פאָן. ער האָט זיי געוואָלט לייענען, ציילן, באַטראַכטן. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ פון אַ רעוואָלווער, אָפּגעריי־סענע ווערטער: בראַוואָ, געוואַלד, זאָל לעבן — האָט זיך אויסגע־מישט מיטן געקלאַפּ פון פערד־פּאַדקאָוועס, שיסערייען און אַלץ אַרום איינגעוויקלט אין פּולווער־רויך.

שעפטל איז געבליבן שטיין ווי פּאַראַליזירט, ווי צוגעשמידט צום סלופּ, וואו ער האָט אַ מינוט פריער פּרובירט אַרויפקריכן, קע־דיי בעסער צו זען די אַלע פּאַסירונגען. פּלוצלינג האָט ער דערהערט אַ קנאַל און אַ קרעכץ לעבן זיך. זיינע אויגן האָבן באַלד דערזען ווי צוויי פּאָליציאַנטן האָבן אַרויסגעריסן די פאָן ביי זעליג דעם שניידער־יונג, צעבראָכן דעם שטעקן אויף צווייען, אַ וואָרף געטאָן אָן אַ זייט די פאָן, און זעליג'ן געשלעפּט פאַר די שוואַרצע קוטשעראַווע האָר איבערן ברוק.

שעפטל האָט זיך ווי אָפּגעריסן פון דער קייט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די פאָן, די פאָן, וועגן וועלכער יאַנקעלע שלאָסער האָט אַזוי

פיל דערציילט . . . ער האָט איר אָריינגערוקט אונטערן העמד, באָענט צום האַרצן און גענומען לויפן, לויפן . . . — — — — — — —

***

יאָרן זיינען געלאָפן. שעפטל האָט איינגעוועבט די פאָן, וועלכע קעמפט פאַר פרייהייט, אין די פעדים פון זיין לייב . . .

וואו אַ יאָנטעוו, אַ דעמאָנסטראַציע, אַ קאַמף פאַר פרייהייט, פאַר דער מענטשהייט, איז שעפטל און די פאָן ווי דער זייגער מיטן וויזער . . .

אַלע יאָר, שוין פון וואָכן פריער, דערציילט שעפטל צו די אַר־בעטער אינעם שאָפּ און מאַרקעט פון יענעם ערשטן מאַי, ווי אַזוי ער האָט אויפגעהויבן די פאַרבלוטיקטע פאָן און ווי ער היט איר אָפּ די אַלע יאָרן ווי זיין אייגן לעבן.

אַ גאַנץ יאָר הענגט די פאָן אין הויז אויפן וואַנט צווישן די אַנדערע בילדער, נאָר ערעוו אַ יאָנטעוו, אַ דעמאָנסטראַציע, אַ ערש־טער מאַי, נעמט שעפטל אַרונטער די פאָן פון וואַנט, שטויבט איר אויס, פאַרריכט וואו ס'איז נויטיק דעם זוים, נעמט אַרויס דעם שטעקן פון אונטער דער שאַפע און פאַרפעלט ניט איבערצוגעבן די רייד פון יאַנקעלע שלאָסער, וועגן דעם באַדייט פון דער פאָן און פון ערשטן מאַי.

ווען שעפטל פאַראַדירט מיט די טויזנטער אַנדערע אַרבעטער און זעט ווייען זייערע פענער, באַמערקט ער צו די אַרומיקע: אַלע פאָנען זיינען שיין, אַלע זיינען אינטערעסאַנט, אַלע האָבן געשיכטע הינטער זיך, אָבער — ווי קאָנען זיך פאַרגלייכן אַלע פאָנען צו מיינער — די פאָן, וואָס איך האָב געראַטעוועט פון אונטער דעם סוינעס פיס; די פאָן, וועלכע האָט עמעסע אַרבעטער־בלוט אין זיך...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ טרויער האָט זיך צעגאָסן איבער שעפטל'ס פּאָנים, ווען ער האָט געלייענט די נייעס, אַז צוליב דער מילכאָמע וועט מען ניט מאַרשירן דעם ערשטן מאַי. עפּעס אויף דעם יאָר האָט ער זיך מער געגרייט פאַרן ערשטן מאַי ווי פאַראַיאָרן, מער ווי אַלע יאָרן. דער ערשטער מאַי האָט געקראָגן פאַר אים גאָר אַ באַזונדער באַדייט. שעפטל האָט אַלעמאָל געטראַכט, ווי גוט וואָלט דאָס זיין, ווען אמע־ריקע, ענגלאַנד, צוזאַמען מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַראייניקן זיך קעגן דעם נאַצי־מאָנסטער, און ווי שיין וועט דאָס זיין ווען אַלע אַר־בעטער וועלן זיך פאַראייניקן צוזאמען אינעם קאַמף. און אַז זיין

טראַכטן איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, האָט ער געפילט, אַז דער זיג וועט איצט זיין געזיכערט, און אין דעם ערשטן מאַי וועלן זיך צו־זאַמענגיסן די פאָנען פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע קעמפן פאַר פרייהייט, און — אַז זיין פאָן צווישן זיי, וועט זיין דער מוסטער: זעט מענטשן, נעכטן האָט דער קאָזאַק אונטערן צאַר די פאָן גע־טראָגן מיט זיינע פיס און היינט — דער רוסישער קאָזאַק, ווי אַלע אַנדערע רויט-אַרמייער, קעמפן אונטער דער־אָ פאָן — צוזאַמען מיט אַמעריקע, ענגלאַנד און כינע — פאַר אַ פרייער, ליכטיקער וועלט.

נאָר ווען שעפטל האָט זיך באַקענט מיט דער סיבע, פאַרוואָס מ'וועט דאָס יאָר פון 1942 ביז פאַראַדירן, נאָר פאַרקערט, מ'וועט אַרבעטן נאָך מיט מער פלייס, מיט מער זאָרג, אַז וואָס מער טאַנקען, עראָפּלאַנען, שיפן און קאַנאָנען זאָלן פאַרטיק ווערן, האָט ער זיך אוועקגעשטעלט לעבן דער פאָן ווי אַ קינד לעבן דער מאַמען און מיט זיינע שפיץ-פינגער געצערטלט דעם זוים, אַרונטערגענומען יעדן שטויבעלע און מיט ליבשאַפט גערעדט צו דער פאָן אויף דער וואַנט:

— אַט טאַקע פאַר דיר אַרבעטן מיר היינט, פאַר דיין און אונד־זער צוקונפט! דער אָרעם וואָס קאָן מאַכן אַלע רעדער שטיל — דאַרף איצט מאַכן אַלע רעדער לויפן אין פולן געדויש, די צייך־רעדער זאָלן זיך דרייען און אַריינבייסן איינס אין ס'אַנדערע שטאַר־קער און פעסטער! יעדער דריי פון ראָד צעמאַלט די שלאַנג, וואָס וויל פאַרסאַמען די וועלט!

אין דער לעצטער שלאַכט מיטן סוינע וועלן מיר יעדן טאָג פון יאָר געווינען אַן ערשטן מאַי — אַ יאָנטעוו פון פרייהייט, אַ יאָנטעוו פון פלאַטערנדיקע פאָנען און געזאַנג.

לידמילאַ, דאַוואַי רוטשקו!

מיט ליבשאַפט צו לידמילאַ פאַוליטשענקאַ, די סאָוועטישע סנייפּערין

לודמילאַ טייערע, איך וואָלט וועלן דריקן דיינע הענט, קושן דיי־נע פינגער. יעדע האַנט דיינע — אַ קאָמאַנדיר! יעדער פינגער — אַ סאָלדאַט! . . . דיינע געראַטענע הענט האָבן אויף דעם באַשלוס פון דיין קלאָרן קאָפּ געמאַכט 309 נאַציס ווייניקער — געבענטשט זאָלן זיין דיינע הענט!

סעם ליפּצין

יעדער איינער פון די 309 נאַציס האָט דאָך געלויערט ווי אַ וואָלף אומצוברענגען ענגלענדער, אַמעריקאַנער, כינעזער און די סאָוועטישע פעלקער.

309 נאַציס, 309 בעסטיעס, 309 סוואַסטיקאַ־שלענג; וויפיל טאַטעס ליגן געהאַרגעטע? וויפיל מאַמעס ליגן געקוילעטע? וויפיל קינדער ליגן דערשטיקטע? 309 פּאָר ווילדע לאַפּעס האָבן געריסן אידישע בערד, געוואָרגן, גערוידעפּט און געשענדט יונגע טעכטער. ליודמילא שוועסטער, דיינע פלינקע הענט האָבן זיי געמאַכט אומשעדלעך... דינען זאָלן דיר דיינע הענט!

די נאַציס האָבן צעשטערט דאָס פרידלעך לעבן, צעצונדן די וועלט ווי אַ שטרוי־דאַך. פאַרניכט ליבע היימען, צעשטערט פויגלשע נעסטן, גרוי־אַש געמאַכט פון גרינע בליענדיקעביימער, פעלדער און לאָנקעס.

ווי אַ כאַזער מיטן שנוק ריעט דער נאַצי איבער פאַראַקערט ערד, טרעט מיט זיינע כאַזער־קלויען איבער בלומען און פרובירט נאָך ווייזן כאַזער־פיסל קאָשער . . . פּאַרוויסט זאָל ווערן זיין געביין! און שטענדיק זאָלן דיינע פינגער, ליודמילא האַרציקע, דערמאָנט ווערן — ווי דער „ווי"־סימבאָל פון „וויקטאָרי" — פרייהייט! אַ געזונט דיר אין די פינגער!

309 נאַציס, געלאָפן ווי דער ווילדער טיגער פון קאָרבן צו קאָרבן — טשעכאָסלאָוואַקיע, בעלגיע, פראַנקרייך, אונגאַרן, יוגאָסלאַוויע, ענגלאַנד, גריכנלאַנד, אַמעריקע, סאָוועטנלאַנד; געריסן, געביסן, געפרעסן מיט די ווילדע טיגער־ציין. דער מאָנסטער ווייסט ניט און פאַרשטייט ניט קיין קרעכץ פון אַן אַלטן טאַטן, קיין אוי, פון אַ מאַמען, קיין געוויין פון אַ זויג־קינד, נאָר דיין פינגער־שפּראַך, ליודמילא קראַסאַוויצאַ, דיין דריק פון פינגער האָבן זיי, די 309 — דערהערט! . . . און פאַרשטומט זיינען געוואָרן 309 כאַיעס, פאַרשלאָסן זיינען געוואָרן 309 בייזע פיסקעס און רואיק ליגן איצט 309 סוואַסטיקאַ־שלענג . . .

ליודמילאַ סערצע, מיר ליבן דיר אַזוי שטאַרק, ווי שטאַרק מיר האַסן דעם סוינע!

בראַוואָ, ליודמילאַ! דאַוואַי רוטשקו!